ב"ה

אין ליכט פון תורה

ספר

גדולת ישראל

אידיש

657

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

גדולת ישראל

אינד דיזען ספר ווערט ערצײלט זייער ווינדערליכע
ואכין וואס עס האט זיך פאסיערט בייא
אינזערע הייליגע צדיקים זכותם יגן עלינו. וואס
יעדער מענטש קען זיך ארויס נעהמין א מוסר
השכל. וויא גרויס אינזערע צדיקים זענען געווען :

ווארשא

שנת תרפ"ז לפ"ק

גדולת ישראל

אַ וואונדערליכע ערצעהלונג וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם היילינען צדיק און בעוויסטען חסיד'ישען גאון ר' שמשון שעפּיטיווקער זכרונו לברכה און איינע פון זיינע וואַנדערונגער צו שפּענדען פאַר דיא ארץ ישראל יודען:

דער בעוויסטער חסיד'ישער גאון אין הייליגער צדיק ר' שמשון שיפּיטאָווקער זכרונו לברכה פלעגט בעהרסטענס פון זיין לעבען ארום וואַנדערען און פערשידענע לענדער צו זאַמלען נדבות פאַר דיא יודען וואָס האָבען מקדש געוועזען זייערע לעבטע יאָהרען צו פער ברענגען אין ארץ ישראל אין תורה און תפילה אויף דער הייליגער ערד און ביי די הייליגע קברים פון די אָבות און די אַלע קדושים וואָס רוהען און דעם הייליגען לאַנד:

איינמאָהל איז איהם אויסגעקומען צו פאָהרען אין די אַפריקאַנישע געגענדען און ער איז געקומען און אַ לאַנד וועלכעס איז איהם לגמרי אומעקאַנט געוועזען אפילו איהר נאָמען און זייער פיהרעכץ איז אויך נישט געוועזען גלייך צו דיא אלע יודען פון די פערשידענע לענדער און געגענדען וועלכעס ער האָט און זיין לעבען בערייזט. וויא ער איז געקומען און אַ גרויסע שטאָדט אַריין האָט ער געבעטען אַ יוד ער זאָל איהם אָנווייזען ווי דער אויבער ראַבינער וועלכער ווערט ביי זיי גערופען חכם וואָהנט ווייל ער פלעגט זיך אַזוי פיהרען און דיא ערטער ווי ער איז גיקומען פלעגט ער אַריין צו גייען צום שטאָדט'ס רב און זיך מיט איהם אַ דורך שמועסען וועגען וואָס ער איז געקומען אין בעטען דעם רב אַז ער זאָל איהם מיט העלפען אַ דורך צו פיהרען ערפאָלגרייך זיין אַקציע. דער יוד האָט איהם גערן געוויזען דעם חכמ'ס

וואָהנונג

וואָהנונג אָבער וויא ער איז צוגעקומען צוא דעם הויף האָט ער גיזעהן אז עס שטעהט אַ שמש וועלכער לאָזט ניט אריין קיין שום מענטש צום חכם ביז ער מעלד איהם ביי דעם חכם און אויב ער בעקומט פון איהם אנערלויבעניש ווערט דער מענטש אריין געלאָזט. אָבער דער שמש האָט זעלבסט אויך שוין געוויסט וועלכע קאַטעגאָריע מענטשען דער חכם גיט זיין ערלויבעניש אריין צוא לאָזען און וועלכע נישט דרובער פלעגט ער באלד פרעגען ביי די מענטשען וועלכע האָבען געבעטען דאָס ער זאָל זיי מעלדען ביי דעם חכם כדי צו בעקומען איין ערלויבעניש זיי זאָלען צו אים אריינגיין אינדי פערשידענע אנגעלעגענהייטען וועלכע זיי האָבען פערלאַנגט פון דעם חכם, איינער אַן עצה אין געשעפט אַ צווייטער אַ ברכה צו בעגלוקען און בשלום איבער קומען זיינע ווייטע רייזע וועלכע ער נעמט פאָהר צו מאַכען אויפ'ן ים. אָדער דורך דיא גרויסע וויסטעניִשען און די אַפריקאַנעשע מדברות, איינער אַ תלמיד חכם מיט אַ ספר הסכמה צו נעמען דרויף אָדער סתם אַזוי שמיסען און לערנען, צו פרעגען וועלכע ביאורים און די שווערע שטעלען פון תלמוד אָדער זיינע מפורשים אין פוסקים. און וועלכע אונטערעסען זיי ווילען אויפגעבּימען ווערען ביי דעם הכם:

מעהרסטענסטייל פלעגט דער חכם דיא ערשטע צוויי קאַטעגוריעס גאַנץ ווייניג צייט ווידמענען אין דרובער פלעגט ער זיי בעשטומען אַ געוויסע צייט וואָס דאַמאָלסט וועט ער זיי אויף נעמען. דאַגעגען צו דער לעצטער קאַטעגוריע דאָס הייסט צו די תלמידי חכמים פלעגט ער זיך זייער גינסטיג בעצוהען אין פער זיי איז די טיהר שטענדיג אָפען געוועזין ביי טאָג ווי ביי נאַכט ווען עס איז נאָהר דעם חכם געמאָלדען געוואָרען דאָס אַ תלמיד חכם וויל אויף גענומען ווערען אין שמיסען מיט איהם אין לערנען איז ער דערפין זייער צו פרודען געוועזין אין האָט איהם אויף גענומען מיט אָפענע אַרמס. אין דרובער פלעגט דער שמש זיך אויך צו זיי זייער גיט בעצוהען אין אַז ער האָט בעקומען אַ תלמיד צו מעלדען ביי דעם חכם איז ביי איהם געוועזען מעהר אָהנגעלייגט ווי וועלכען רייכען רייזענדער. אָב וואָהל ער האָט פין דעם לעצטען בעקומען אַ געהעריגען באַקשיש [דאָס הייסט אין די אַפריקאַנישע לענדער טרינק געלד] דעם שווייצער וועלכער שטיידט ביי דער טוהר פין די גרויסע לייט אין מעלדעט זיי די בקשה

פין דעם אָהנגעקומענים גאַסט אויפגענומען צו ווערין אויף אנאודיענץ. אין פין דעם ערשטין נישט. דאָך האָט די פּראַקטיק בעווייזן דאָס ווירקליכקייט פין די ווערטער פין דעם חכם מכל אדם שלמה המלך עליו השלום אין משלי מושל מקשיב על דבר שקר כל משרתיו רשעים, דאָס הייסט אַז דער הערר איז נאָך אויסען פאַלשקייט אין מען זאָל איהם חנפ'ענין איז די פאַלגען דערפין דאָס אַלע זיינע בעדינער ווערין אינספּירירט פין זיינע שלעכטע זייטען נאָר ער זעלבסט פילייכט פערדעקט נאָך זיינע טהורישע אינסטינקטען דורך זיין גרויס בילדינג אין קענטנים אָבער זיינע בעדינער זענין אָפענע רשעים אין אויס געשפּראָכינע אַנטיסימיטען. אין פאַרקערט ווען דער הערר איז אַ ערליכע מענטש אין נאָר ערליכקייט איז זיין פערלאַנג זענין אַלע זיינע בעדינער אויך זיטען ריינע אין מענטשין ווירדיגער לייט:

און ווי דער גאון אין הייל'גער צדיק ר' שמשון שיפּיטיווקער זכרונו לברכה איז געוואָהרען פין דעם התנהגות פין דעם אומבעקאַנטין חכם האָט ער זיך זייער געפריידט ווייל ער האָט זיך איבער גערעכינט דאָס אויב דער חכם שטעלט ספּעציעל אַ מענטש ער זאָל נישט יעדין גאַסט אַריין לאָזען מיז ער דאָך זיצין אין לערנין בהתמדה גדולה, אַז עס איז איהם אפילו שווער אויפצוהעמען אַ פרעמדין מענטש אין ביי אַ זעלכען וועט ער דאָך פער געוויס געפינען אַ גרויסע אינטערשטיטצונג פאַר זיין אַקציע צו שטיצען די תלמודי חכמים וואָס זיצען אין לערנען אין ארץ ישראל יומם ולילה, האָט ער גיבעטען דעם שמש אַז ער זאָל איהם מעלדען ביי דעם חכם, האָט דער שמש איהם גיענטפערט אַז ער האָט הייגט אַפּערבאָט ער זאָל קיין שום מענטש נישט אַריין לאָזען צו דעם חכם חוץ די תלמידי חכמים. האָט זיך דער שיפּיטיווקער נאָך מעהר געפריידט אין ער האָט גיזאָגט דעם שמש געלויבט השי"ת דאָס איך בין אויך אַ תלמוד חכם אין איך האָב דיא זכיי' צו ווערען אַריין געלאָזט צו דעם חכם, דער שמש האָט איהם תיכף ביעפענעט די טיהר אין ער איז אַריין געגאַנגען צו דעם חכם. אָבער ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען צו קומענדיג צו דער שוועל פון דעם חכם'ס צומער אין ער האָט גיזעהן דעם חכם אַ גרייז גראָהער מאַן מיט אַפּאַריאַכאַלישע פיזאָנאָמיע אַ גרויסען שטערען אין זיין גענזיכט שטראַהלט, קענטיג דאָס ער איז אַ גרויסער חכם אַזוי וויא דער חכם מכל אדם שלמה

שלמה המלך עליו השלום זאָגט און משלי חָכמת אדם תאיר פניו דאָס הייסט די קלוגשאַפט וועלכער דער מענטש ערוועבט דורך זיין שטודיום אים איידילט איהם אַזוי אויס דאָס אַפילו מען רעדט נִיט מיט איהם נאָהר מען קוקט אָהן זיין געזיכט דערקענט מען אַז ער איז א חכם אַנאַדעלמאַן און נאָך מעהר האָט ער בעווינדערט די גרויסע התמדה פון דעם חכם, דאָס שטייענדיג ביי איין טיש פיל מיט ספרים האָט ער גילערינט אַזוי פערטיעפט דאָס ער האָט גאָהר נישט בעמערקט ווי די טיהר האָט זיך גיעפענט און דער שיפיטיוקער איז אַריין געקומען נאָהר ער האָט גילערענט אופן קול און האָט זיך מפלפל געוועזען אין דער סוגיא גיפרעגט און גיענטפערט. ביז ער איז גיבליבען שטיין ביי איין האַרבע קשיא וואָס ער האָט זי בשום אופן נישט געקענט פערענטפערען. ער האָט זיך געמאַטערט און געפרובט אויף פערשידענע אופנים צו פער ענטפערען אָבער ער האָט אלעס גיזעהן דאָס עס איז נישט קיין ריכטיגער תירוץ ביז ער איז זייער פערמאַטערט געוואָהרען ער האָט אָהן געהויבען צו זיכען און די פיהל ספרים וועלכע זענען גילעגען אויפ'ן טיש אָבער ער האָט אלץ קיין תירוץ נישט געפינען אויף דער האַרבע קשיא וועלכע איז באמת געוועזען אַ גאונישע קשיא. און דער שיפיטיוקער זכרונו לברכה וואָס ער איז גיוועזען פון די געציילטע און בעוויסטע וועלט'ס גאונים איז אַזוי גישטאַנען ביי דער שוועל און האָט דאָס אַלץ צו געקוקט און אויסגעהערט זיינע המצאות צו פער ענטפערען די האַרבע קשיא, און ווייל ער האָט גיזעהן אַז דער חכם בעמערקט איהם ניט האָט ער ניט געוואלט צו גייען און איז אַזוי בייא דער גאַנצער צייט געשטאַנען אויף דעם זעלבען אָרט כמעט אָהן שום בעוועגונג:

דער חכם האָט גיעפינט איין אַלמער און אָהן געהויבען אַרויס צו נעמען פון דאָרט פערשידענע אַלטע און נייע ספרים. און צו זיין גרויס בעדויערונג האָט ער קיין שום תירוץ נישט געפינען. און אַזוי ווי דיא גרויסע און הייליגע מענטשען אויב זיי פערשטייען עפיס נישט און לערנען העכגען זיי דאָס אָהן און זייערע עבירות וואָס זיי האָבען געטוהן דאָס ווייל זיי האָבען נישט קיין אמת'דיגע תשובה געטוהן פער שטעלט מען פון הימעל זייער פערשטאַנט אַז זיי זאָלען נישט משיג זיין די טיפע קליגשאַפט פון דער תורה און איהרע פירושים וועלכע דיא הייליגע חכמים האָבען איבץ ערקלערט, האָט דער חכם אויך אָנגעהויבען

צו וויינען און שטארק תשובה צו טוהן אויף זיינע שלעכטע מעשים וואָס עֶר איז אין זיי אַזוֹי פּעֶרפיהרט דאָס עֶר ווייסט גאָר נישט דאָס ער האָט געזינדיגט. באמת האט ער דאָך געוויס גיזינדיגט ווען נישט וואָלט מען דאָך פון הימעל נישט פערשלאָסען די שערי חכמה פון דער תורה פון איהם און עֶר וואָלט געפינען אַ תירוץ אויף זיין קשיא. און עֶר האָט זיך זייער שטארק מצער גיוועזען און געמאַכט זיך זעלבסט שרעקליכע פאָרווירפען פערוואָס עֶר ווייסט עכ"פ נישט וואָס עֶר האָט גיזינדיגט עֶר זאָל דרויף קענען תשובה טוהן:

דער הייליגער שיפיטיווקער זכרונו לברכה האָט שוין נישט גיקענט איבער האַלטען דעם גרויסין עגמת נפש וואָס דער חכם האָט געהאַט פין דעם וואָס עֶר האָט נישט גיקענט ענטפערין די קשיא וואָס איז איהם שווער גיוועזין אין דער סוגיא. אין עֶר האָט אָהנגעהויבען מיט זיינע גאונישע גידאַנקען אַריין צו קלערין אין דער סוגיא וואָס זעלבסט פערשטענדליך איז עֶר גיוועזין קלאָהר אויסענווייניג מיט אַלע מפורשים וואָס זענין געוועזין אויף דער סוגיא ביי זיי אין שיפיטיווקע. ווי אויך די אַלע פערשידינע מפורשים וואָס עֶר האָט גיזעהן אויף זיין גרויסען וואַנדער וועג אין די פערשידינע לענדער ווי עֶר האָט אַ דורך בערייזט. ווייל זיין גרויסער זכרון איז ממש געוועזין צו בעוואָנדערען אין מיט השי"ת הילף איז איהם איינגעפאַלין גאָהר אַ גלייכער תירוץ, אַלזאָ האָט ער זיך געפּאַסט מודה זיין אין איז צו געגאַנגען צו דעם חכם אין ביי איהם גיבעטין ערלויבעניש עֶר זאָל פער איהם פאָהרלייגען זיין תירוץ וואָס עֶר האַלט צו פער ענטפערין אויף דער האַרבער קשיא וואָס דער חכם מאַטערט זיך ביי איהר די גאַנצע צייט. דער חכם איז אויפגעשפרונגען פין זיין אָרט ער האָט דער זעהן דאָס אַ תלמיד חכם אַ פרעמדער שטייט שוין אַ ווײלע אין שטיב אין עֶר האָט מיט איהם מיטלייד אין פרובט צו ענטפערין אַ תירוץ אויף דער האַרבער קשיא וואָס ער מאַטערט זיך שוין אַ לענגערע צייט אין אָהן ערפאָלג. ווייל עֶס איז איהם נישט איינגעפאַלין דאָס ער זאָל איהם זאָגען אַבעדייטונגס וועֶרטען תירוץ. גאָהר די זאַך אַליין וואָס עֶר אינטערעסירט זיך מיט זיין פערלעגענהייט האָט ביי איהם אַרויס גערופין גרויסע סימפאַטיע צו דעם פרעמדען תלמיד חכם. אין ער האָט איהם גיגעבין אַ ברייטין שלום עליכם אין זיך פער איהם פאַר ענטפערט וואָס עֶר האָט איהם

אַזוֹי

אזוי געלאָזט שטיין די גאנצע צייט און ער האָט איהם אַפילו קיין שלום נישט גיגעבין ווייל ער האָט אין אמת איהם נישט בעמערקט ווען ער איז אריין געקומען ווייל ער איז גיוועזין פערטיפט אין דער סוגיא און ער בעט דערפאר זייער אז ער זאָל אויף איהם קיין פאראיבעל נישט האָבען און ער ערלויבט איהם צו זאָגען זיין מיינונג ווי אזוי ער מיינט צו פערענטפערין די הארבע קשיא וועלכער ער מאטערט זיך שוין איבער איהר אַלענגערע צייט און קען אַלץ נישט געפינען דעם ריכטיגען תירוץ:

אָבער ווי ערשוינט איז דער חכם געוואָהרען הערענדיג די אויפריכטיגע און בעדייטונגס ווערטער רייד פון דעם שיפיטיווקער גאון זכרונו לברכה דאָס זיי זענין גיוועזין אזוי ריכטיג דאָס יעדין אמת דענקענדיגר מענטש האָט גאָהר נישט גיקענט צווייפלען אין דעם אז דאָס איז דער ריכטיגער תירוץ, אויף דער קשיא וואָס דער חכם האָט זיך אזוי לאנג ביי איהר געמאטערט, דער חכם איז דער פון שטארק נתפעל געוואָהרען און ער האָט דעם הייליגען שיפיטיווקער גאון אַרום געאַרימט אין ממש געקושט פון גרויס פריינדשאפט און ליבשאפט וואָס ער האָט געהאט צו אַלע אמת'דיגע לומדי תורה, נאכהער ווי ער האָט זיך אביסעל בערוהיגט האָט ער געפרעגט דעם שיפיטיווקער פון וואנען ער איז און וועגין וואָס ער איז דאָהא אַהער געקומען, דער שיפיטיווקער האָט איהם דערציילט אז ער איז פון רוסלאנד און פון פראווינץ וואָלין און ער איז געקומען זאמלען נדבות פאר די לומדי תורה אין ארץ ישראל, זעלבסט פער שטענדליך דאָס דער חכם האָט איהם פערשפראָכען זיין גרעסטע אינטערשטוצינג אין זיין אַקציע און דער חכם אַליין האָט געשיקט רופען די נכבדי העיר און זיי בעפוילען בגזירה אַז זיי זאָלין משתדל זיין מיט זייערע גרעסטע אנשטרענגינגען אויס צו פיהרען די אַקציע מיט דעם גרעסטען ערפאָלג און ער האָט איבער גיגעבין דאָס גאנצע געזאמעלטע געלד דעם הייליגען שיפיטיווקער זכרונו לברכה, נאכער האָבען זיי געשמיסט אין לערנען און דער שיפיטיווקער האָט שוין געוואָלט נעמען אָבשייד פון דעם חכם, האָט דער חכם איהם געזאָגט איך האָב נאָך איין פראגע וועלכע איך וואָלט ביי אייך גיוואָלט פרעגין ווי איהר זענט שוין דורך געריזט פערשידענע לענדער און אפשר זענט איהר שוין געוועזען און

דעם

דעם לאַנד ווי עס געפינט זיך די שטאָדט מעזיבוז:

דער שיפּיטיווקער האָט זיך זייער פערווינדערט דאָס אויב דער חכם ווייסט נישט אַפילו אין וועלכען לאַנד דיא שטאָדט מעזיבוז געפינט זיך וואָס פעראינטערעסירט ער זיך ווי די שטאָדט געפינט זיך און ער האָט איהם געענטפערט די שטאָדט געפינט זיך אין דעם לאַנד פון וואַנען איך זעלבסט בין געבוירען און טאַקע נישט ווייט פון מיין וואוינאָרט שיפּיטיווקע. נאָהר עס איז מיר אַ ווינדער דאָס אויב איהר האָט נישט קיין שום ידיעה אַפילו ווי די שטאָדט געפינט זיך און וועלכען לאַנד פון וואַנען ווייסט איהר דאָס פון דער שטאָדט און וואָס פער אינטערעסירט זי אייך וואָס איהר פרעגט אויף איהר. האָט איהם דער חכם געענטפערט. עס פרייד מיך זעהר וואָס די שטאָדט איז און אייער געבאָרען לאַנד און נאָך דערצו לערען אייער וואוינאָרט ווייל איך האָף דאָס איהר וועט מיר קענען געגוי ענטפערען אויף מיין אַנפראַגע, און יעצט וועל איך אייך ריכטיג ערקלערען וואָס מיך אינטערעסירט דיא שטאָדט מעזיבוז, נעמליך אין דער שטאָדט געפינט זיך איינער מיט דעם נאָמען ר׳ ברוך און אויף איהם בעציהט זיך מיין אינטערעס צו דער שטאָדט מעזיבוז און דרובער בעט איך אייך איהר זאָלט מיר זאָגען צו איהר קענט דעם ר׳ ברוך מעזיבוזיר און אויב יאָ וואָס פאַר אשטייגער מענטש ער איז אַ למדן אָדער אפשר איז ער דאָרט דער שטאָדט רב, ווי אויך וויל איך הערען אייער מיינונג איבער איהם, דער שיפּיטיווקער האָט זיך זייער פערווינדערט פון וואַנען ווייסט דאָס דער חכם פון הייליגען רבי׳ן ר׳ ברוכ׳יל מעזיבוזער און ער רופט איהם פראָסט ר׳ ברוך און ער ווייסט ניט דאָס ער איז דער גרויסער גייסטיגער מנהיג פון רוסישען און פוילישען יודענטהום פ,ן וועלכען יעדער איינציגער בעצוהט זיך מיט גרויס רעספּעקט און דערמאָנט זיין הייליגען נאָמען מיט גרויס עהרען פאָרכט, האָט דער שיפּיטיווקער געזאָגט דעם חכם איך קען דעם הייליגען רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל מעזיבעזער זייער גיט ווייל ער איז דאָך נאָהנט פין אינזער שטאָדט נאָהר אַפילו אַנדערע מענטשען וועלכע וואָהנען גאַנץ ווייט פון מעזיבעז זאָגאַר אין אַ צווייטע מדינה אויב נאָהר נישט אַזוי ווייט ווי דער חכם וואָס וואָהנט אין אַ נאַנדער טייל וועלט קענין אייך אויך איבער געבען די בעסטע מיינינגען וועגען דעם הייליגען רבי׳ן ר׳ ברוכ׳יל מעזיבעזער ווייל ער איז זייער געשעצט ביי אַלע מענטשען

מעגטשען אפילו ביי ניט יהודים, אין דער צו איז ער נאך דעם הייליגען בעל שם טוב'ס זכרונו לברכה אַן אייניקעל וואָס ער איז בעוויסט גיווען אויף דער גאַנצער וועלט אין וועלכער האָט געראַטיוועט דאָס גאַנצע יודענטום פון אַ זיכערין אינטער גאנג מיט דער שיטת החסידות וואָס ער האָט אין זיינע פיהל הייליגע תלמידים איינגעפלאַנצט אָבער מיך ווינדערט זייער פון וואַנען ווייסט איהר פון דעם הייליגען רבי'ן ר' ברוכ'ל אין בפרט אַז איהר ווייסט גאָהר נישט ווי און אין וועלכען לאַנד די שטאָדט געפינט זיך:

אָבער ווי גרויס איז געוועזין די איבער ראשינג פון דעם שיפיטיוקער אויס הערינדיג די ערקלערינג פון דעם חכם פון וואַנען ער קען דעם הייליגען רבי'ן ר' ברוכ'ל זכרונו לברכה. אין גמליך האָט דער חכם גאַנץ גלייכגילטיג אין אָהן בעזינדער בעגייסטערונג דאָס רעטעניש ערקלערט אויף פאָלגענדען אופן, עס איז אמת דאָס איך האָב דעם ר' ברוך נאך נישט געזעהן, נאָהר אַזוי ווי איך לערין אַלע טאָג אין דער „מתיבת דרקיע" דאָס הייסט אין דער הימלישער ישיבה הער איך אַלע מאָהל דאָס מען זאָגט נאך תורה פון איינעם ר' ברוך פון דער שטאָדט מעזיבעז אין דאַמאָלסט ווען מען זאָגט נאך תורה פון זיינעם ווערין ווערט אַ גרויסע פרייד אין הימעל צווישען אַלע צדיקים אין מלאָכים דרובער פרעג איך מיך אויף דעם ר' ברוך פון מעזיבעז, דער שיפיטיוקער אין געבליבען שטיין זעהר איבער געראַשט פון הערענדיג ווי אַ מענטש שילדערט אַ זעלכע ווינדערליכע זאַכען דאָס ער לערינט אַלע טאָג אין דער הימלישער ישיבה צווישען מלאכים אין זאָל גאָהר נישט שפירען קיין זעלבס ווירדע, אין דאָס איז פון די געצעהלטע דער גרייכונגען וועלכעס אַ מענטש קען זאָגאר דרויף פאַנטאַזירען, אין ער רעכינט אַז דאָס איז גאָהר קיין שום מעלה נישט אין אַז עס דאַרף קיין מענטש זיך נישט דרויף צו ווינדערין, דער שיפיטיוקער האָט גענומען אָבשייד פון דעם חכם אין ער האָט זיך געשעצט גליקליך דאָס ער האָט געקענט פערברענגען אַ צייט ביי אַזוי אַגרויסען גאון אין צדיק ער האָט דאָס צו גירעכינט אין זכות פון זיין עוסק זיין אין דער גרויסער מצוה משתדל זיין זיך אין דער אינטערשטיצונג פון די ערליכע יודין וואָס זיצען אין ארץ ישראל אין לערנען יומם ולילה. קורצליך האָט ער אויך גיענדיגט זיינע וואַנדער וועגין אין איז געקומען אהיים

אהיים ווי ער איז אריין געפאהרען קיין מעזיבעז צום הייליגען רבי'ן ר' ברוכ'ל אין אריין קימענדיג צום רבי'ן ר' ברוכ'ל האט ער געזאגט יעצט ווייס איך דאס איך בין איין למדן אין איהר זענט איין צדיק אין ער האט דערציילט דעם רבי'ן ר' ברוכ'ל פון זיין נסיעה ווי ער איז אויס גיוועזין אין די פערשידינע לענדער אין זיין בעגעגעניש מיט דעם חכם אין דאס גרויסע צדקות אין לומדות וואס דער חכם פערמאגט ווי אויך זיין מדרגה דאס ער לערינט אלע טאג אין דער הימלישער ישיבה אין ער האט דארט גיהערט ריהמען דעם רבי'ן ר' ברוכ'ס תורות, השי"ת זאל אינז העלפין דער זכות פון די הייליגע צדיקים זאל אינז ביי שטיין מיר זאלין געהאלפין ווערין מיט אלעם גוטען אין מיר זאלין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

זייער א ווינדערליכע ערצעהלונג פון בעוויסטען גאון און רבי ר' שמעלקי מניקלשבורג זכותו יגן עלינו:

דער רבי ר' שמעלקי האט און זיין יוגענד געהאט א חבר א גרויסער עילוי און א ירא שמים. וואס ער איז גיוועזען בעוויסט פער א גרויסען גאון און איז גיוועזן א גרויסער מתמיד. און ער האט גידינט השי"ת, נאר איין טבע האט ער גיהאט, אז ער איז גיוועזן א גרויסער עקשן, ער האט זיין דעה נישט מבטל גיוועזן פאר קיין שום באשעפעניש אין דער וועלט. ווזא עס איז פערבייא גיגאנגען א צייט, האט ער גימוהן א שידוך מיט זיין זוהן. מיט א רב פון א ווייט לאנד. ווי עס איז גיקומען דער זמן חתונה. האט ער גיבעטען די לומדים און די נגידים פון זיין שטאדט זיי זאלען מיט איהם פאהרען אויף דער חתונה פון זיין עלצטען זוהן. און דיא לומדים מיט די נגידים פין זיין שטאדט זענען גיפאהרען און איין געשפאנטע קאטשין פון זיין כבוד וועגין, און דער מחותן איז גיפאהרען אויף א קאטש. מיט זיין זוהן דער חתן. און מיט דעם ראש הקהל פון שטאדט, און נאך א יונגער מאן, א מופלג בתורה כדי זיי זאלען קענען רעדין דברי תורה אויף דעם וועג. ווי זיי זענען גיפאהרען אויף דעם וועג, איז גיקומען מנחה צייט

צייט איז דער מחותן מיט זיינע מענטשען אראפ געגאנגען פון דער קאטש, זיי זאלען דאווינען מנחה, און דער מחותן האט זיך געשטעלט אונטער א בוים דאווינען, און זיינע מענטשען וואס זענען גיווען מיט איהם זענען תיכף צוריק בעקומען צו דער קאטש האבין זיי גיווארט אויף דעם מחותן אלאנגע צייט, און ער איז נישט צו גיקומען, די זין איז אונטער גיגאנגען און דער מחותן איז נישט צוריק גיקומען צו זיי, איז דער חתן מיט דעם ראש הקהל מיט דעם יונגען מאן גיגאנגען זיכען דעם מחותן אין וואלד, טאמער שטייט ער אין דאווינט אין וואלד. אבער זיי האבען איהם אימזיסט געזוכט זיי זענען זייער דערשראקען געווארען ווייל עס איז פינסטער געווארען זענען זיי צוריק געקומען צום גלייכין וועג. ווי זייער קאטש איז גישטאנען, דער ווייל זענען אהן געקומען נאך עטליכע וועגען מיט מענטשען, וואס זיי זענען געפאהרען אויף דער חתונה, האבען זיי געפרעגט פאר וואס מען שטייט און מיטען וועג, האט מען דערציילט אז דער מחותן איז נישט דא. האבען דיא מענטשען גיענטפערט און האבען געזאגט. איהר זאלט נישט זארגען ווייל מיר האבין געזעהן אז דער גביר מפורסים איז אויך געפאהרען אויף דער חתונה און ער איז אליין געפאהרען, קען זיין, אז ער האט דעם מחותן אויף גענומען אויף זיין קאטש ווייל ער האט איהם גיזעהן שטיין און וואלד, איז ער בוודאי מיט איהם גיפאהרען ווי זיי האבען דאס גיהערט. האבען זיי אלע מסכים גיווען אז עס איז אזוי. זענען זיי פון דארט א וועק גיפאהרען, און אויף דעם גאנצען וועג האבין זייא איהם גיזוכט און נאך גיפרעגט אויף איהם, אבער זיי האבען אלע גיזאגט אז ער האט גימיזט פאהרען מיט דעם נגיד פון דער שטאדט, ווי זיי זענען געקומען צו דער שטאדט וויא די חתונה איז גיוועזען האבען זיי גיזעהן אז דער מחותן דעם חתן'ס פאטער איז דארט נישט פער האנדין האבען זיי דערויף זייער גיטרויט, א טייל האבען גיזאגט עס קען זיין דאס דער מחותן איז צוריק אהיים גיפאהרען ווייל ער האט גיבלאנדזיט און וועג, האט ער גיקריגען א פיר א היים צו פאהרען כדי ער זאל ניט מבטל זיין פון תורה לערנין ווייל ער ווייסט גאנץ גיט אז די חתונה וועט זיין אהן איהם אויך, סוף הדבר אז ביידע צדדים זענען געווען טרויעריג:

נאך דער חתונה זענען די מחותנים אהיים גיפאהרען, און אויף דעם גאנצען וועג האבין זיי גיפרעגט אויב מען האט איהם נישט גיזעהן

גיזעהן, און יעדער האָט גיענטפערט מיר ווייסין נישט פון איהם און מיר קענין איהם נישט, ביז זיי געגען אהיים געקומען האָבען זיי דעם מחותן נישט גיטראָפין און דער היים. האָבען די מחותנים גישיקט שלוחים און יעדער שטאָדט אַריין אַרום זייערע שטעדט צו זיכען דעם מחותן אָבער עס איז אַלעס גיוועזן אימזיסט דען דער מחותן האָט פער בלאָנדזעט און וואַלד, און האָט געוואָלט אַרויס גיין פון וואַלד צו דעם גלייכען וועג אָבער ער איז גיגאַנגען און קרימע וועגען. איז ער אַזוי פאַרקראָכען וויפיל מייל אין דעם וואַלד, דער וואַלד איז גיוועזן זייער גרויס. פיעל מיילען די לענג אין דיא ברייט, וויא דיא זין האט אויף געשיינט האָט ער זיך גישטעלט אָב ריהען. אין האָט גיליינט קריאת שמע ותפלה אָהן טלית ותפילין ער איז אַזוי אום גיגאַנגין און דעם וואַלד עטליכע וואָכען ביינאַנד, גיגעסין האָט ער פון די וואַלד פירות. אין ווען ער איז מיד געוואָהרען האָט ער זיך גיליינט שלאָפין אין וואַלד. ביז דאָרך זיינע גרויסע צרות אין דאַגות האָט ער פערגעסין ווען עס איז שבת ווייל ער האָט זיך טועה גיוועזן מיט זיין חשבון אויף אַ אנדערין טאָג. היינו עס האָט זיך איהם פערביטין אויף פרייטיג האָט ער גימיינט אַז עס איז שבת. האָט ער אים געהייליגט מיט וואָס ער האָט נאָר גיקענט אין וואַלד. אין השי״ת האָט איהם אָפּ גיהיטין פון אַלע מיני בעגעגישען אין חיות רעות דאָרך דעם זכות פון זיין תורה אין מעשים טובים ביז אין עטליכע וואָכין אַרום איז ער אַרויס גיקראָכין פון דעם וואַלד איז ער געקומין צו אַ דאָרף אין אַ מקום ישוב. אין איז גיוואָר גיוואָרין ווי ער איז, ער איז אַהיים גיקומין. האָט ער זיי דערציילט וואָס עס האָט זיך מיט איהם פאַסירט. ווי עס איז גיקימין דאָנערשטיג פאַר נאַכט. האָט זיך דער מחותן אָנגעהויבען מכין צו זיין אויף שבת. אין ער האָט זיך זייער פער וואונדערט אויף זיין בני בית וואָס זיי טיהן נישט קיין שום הכנות אויף שבת. אָבער זיי האָבען צו איהם געזאָגט אַז ער איז זיך טועה אין זיין חשבון ווייל היינט איז דאָנערשטיג. אָבער דער מחותן דאָרך זיינע צרות אין וואַלד איז ער אַריין גיפאַלין און אַ מרה שחורה אין אקייגין אַדער זאַך איז ער גיוועזין אַ משוגינער נאָר ער רעכינט אַז געוויס 'ז זיין בני בית מיט דער גאַנצער שטאָדט זיך טועה. אין עס האָט אים נישט געהאָלפען קיין שום וויכוחים אין קיין טענות איבער צו

שפאריז

שפארין אים פין דער מחשבה נאָר הייגט איז פרייטיג נישט דאָנערשטיג. האָבין זיי גיקלערט אַז ער איז נישט מיט קיין ישוב הדעת אין דער זאַך. אין זיין בני בית זענין גיוועזין זייער בצער. נאָר וואָס האָבין זיי גיקענט טוהן. האָט מען איהם געמוזט אָהן גרייטין אַלעס אויף שבת אין די נאַכט צו פרייטיג איז ער גיגאַנגען אין שוהל אריין אין האָט מקבל שבת גיוועזן בשמחה. דער גאַנצער עולם האָט פון איהם זייער גילאַכט אין האָבין גיזאָגט אַז ער איז משוגע רח״ל. ער האָט מכבד גיוועזן דעם שבת בכבוד גדול ער האָט גילייגט און ספר אוב האָט גיבענטש גומל. קיין תפילין האָט ער נישט געלייגט. אין נאָך זיין שבת ווי עס איז געקומין דער אמת׳ר שבת פון דער גאַנצער וועלט. האָט ער גיזעהן אַז יעדער מענטש מיט זיין בני בית גרייטין זיך צו אויף דעם שבת. האָט ער זיך אויף זיי געבייזערט און ער האָט גילייגט תפילין אויף האָט ער געטוהן אַ מלאָכה. אין די שמחה וואָס איז גיוועזן אין זיין הויז דורך זיין קימען איז פאַר קערט גיוואָרין צו אַ טרויער אַזוי איז פערביי גיגאַנגין וויפיהל וואָכין אין זיי האָבין איהם ניט גיקענט איבער פירין פין זיין דעה, עס זענין צו איהם גיקומין פיהל רבנים פון אַרום אין אַרום אין האָבין אים גיבעטין אַז ער זאָל מבטל זיין זיין דעה, זיי האָבין אים גיברענגט צייכונס מיט ראַיות אַז ער איז זיך טועה אין זיין חשבון ווייל ער איז גיוועזין נע ונד אָבער ער האָט גיהאַט די טבע עקשנות ער האָט זיין דעה נישט מבטל גיוועזן פאַר קיינים אין דער וועלט, נאָך דער צו איז זיין דעה גיוועזן צו מישט אין דער זאַך חאָטשו אוב אַנדערע זאַכין איז ער גיוועזן איין שכל׳דיגער מענטש, נאָר און דעם איז ער גיוועזן אַ משוגיגער, אין האָט זיי נישט געהאָרכט ביז די זאַך איז גיהערט גיוואָרין צום רבי׳ן ר׳ שמעלקי, וואָס ער איז דאַמאָלסט גיוועזן שינאָווער רב, אין דער רבי ר׳ שמעלקי צו איהם גיפאָהרין און איז צו איהם גיקומין דאָנערשטיג וואָס ער איז ביי דעם מחותן גיוועזן ערב שבת, האָבין זיי זיך זייער גיפרייט דורך דעם ליבשאַפט פין דער יוגינד, דער מחותן האָט גיפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקי אויב ער וועט ביי איהם זיין שבת, האָט ער איהם גיענטפערט אַז ער איז נאָר דאַרך דעם גיקימען. דער רבי ר׳ שמעלקי האָט צו זיין בני בית גיגעבין אַ ווינק אַז זיי זאָלין זיך אָהנגרייטין אויף שבת אַזוי ווי עס געהער צו פאַדליק זיין חשבון

אויף

אויף זאָלען זיי אָנגרייטין גוטין וויין אויף שטאַרקען, דאָנערשטיג נאָך האַלבען טאָג זענין זיי גיגאַנגען אין מקוה אַריין אין פאַר נאַכט האָבין זיי אָהן געטוהן שבת'דיגע קליידער און זיי זענין בייגאַנד געגאַנגען דאַווינין . האָבין זיך די גאַנצע שטאָדט פער ווינדערט אויף דעם רבי'ן ר' שמעלקי , אַז ער איז ח"ו אויף מודה אַז היינט איז שבת. דער רבי ר' שמעלקי האָט מכבד גיוועזן דעם מחותן ער זאָל מקבל שבת זיין , אָבער דער רבי ר' שמעלקי מיט אַללע מענטשין האָבין גידאַווינט אַזוי ווי אין דער וואָכין, נאָך דעם דאַווינען זענין זיי אַהיים גיגאַנגין בשלום אַזוי ווי פרייטיג צו נאַכט מיט גרויס שמחה, דער נאָך זענין געקומען פיל מענטשין לכבוד דעם טייערין אורח דעם רבי ר' שמעלקי און זיי האָבין גיזאָגט שלום עליכם מיט גרויס שמחה. דער נאָך האָבין זיי גימאַכט קידוש אין האָבין זיך גיזעצט עסין , ביי דעם טיש האָבין זיי גירעט דברי תורה אין דער רבי ר' שמעלקי האָט גיזאָגט צו דעם מחותן אַז ער דאַרף מאַכין אַ סעודה אויף דעם נס וואָס ער איז אַ היים געקומין, דעריבער זאָל ער געבין אַ סך וויין, אין אויך האָט דער רבי ר' שמעלקי געזאָגט צו דעם מחותן אַז ער זאָל טרינקין וועט ער אַליין אויך טרינקין, דער רבי ר' שמעלקי האָט איהם גיבעטין ער זאָל נאָך מיין טרינקען, אין דאַרף דעם ווינק וואָס דער רבי ר' שמעלקי האָט גיגעבין האָט מען דעם מחותן גיגעבין זייער אַלטין וויין , אַז דער וואָס טרינקט איהם פאַלט אַנידער אין שלאָפט אַ לאַנגע צייט, עס איז אַזוי געווען עס איז גיפאַלין אַ שלאָף אויף דעם מחותן איז אַנטשלאָפין גיוואָרין געבין דעם טיש אין מיטן דער סעודה , האָט דער רבי ר' שמעלקי גיגעבין אַ ווינק צו די מענטשין אַז מען זאָל פאַמעלך אַרינטער לייגין אַקישען אינטער זיין קאָפּ , איז ער גישלאָפין בערוהעט און אין דער רבי ר' שמעלקי האָט זיך גינימין די פייקע אין האָט גירייכערט טיטין. און אַללע מענטשין האָט ער געהייסין אַ היים גיין צוא זיין מלאָכה אין בעזה"י וועט אַלעס גוט זיין , נאָר מאָרגין ביי נאַכט דעם אמת'ן פרייטיג צו נאַכט אין דער אייגענער צייט זאָלט איר זיך צו נויף קומען אַזוי ווי יעצט , דער רבי ר' שמעלקי איז גישטאַנין אין האָט געהיטין מען זאָל דעם מחותן נישט איבער וועקין אַפילו קיין פויגיל, אין ער איז גישלאָפין ביז פרייטיג צו נאַכט. פרייטיג צו נאַכט האָט דער רבי ר' שמעלקי גידאַווינט פאַר זיך, אין צו דער סעודה איז

זיך

זיך די גאַנצע שטאָדט צו זאַמין געקומין אַזוי ווי נעכטין ביי נאַכט און דער מחותן איז נאָך גישלאָפען, דער רבי ר' שמעלקי האָט אָב גיגעסין די סעודה פון פרייטיג צו נאַכט מיט גרויס שמחה, ער האָט גיזאָגט תורה פאַר דעם עולם וואָס זענען גיזעסען אַרום זיין טיש ביז האַלבע נאַכט, דער נאָך האָט ער אויף גיוועקט דעם מחותן פון זיין שלאָף אונ האָט צו איהם גיזאָגט שטייט שוין אויף צום בענטשען, האָט ער זיך אויף גיהאַפט און האָט גיזאָגט צום רבי'ן ר"ש. עס דאַכט זיך מיר אַז איך בין לאַנג גישלאָפען און האָט זיך גיוואַשען די הענד, און ער האָט אָנגעהויבען צו זאָגען תורה ביי דעם טיש. דער נאָך האָבען זייא גיבענטשט, און ער האָט ביז צו זיין טויט נישט גיוויסט דערפון אַדרבה ער האָט זיך בערימט אַז די גאַנצע וועלט זענען צו איהם כודה, איז מאַכען שבת פאַדליג זיין חשבון, אויף האָט ער זייער גידאַנקט דעם רבי'ן ר' שמעלקי, וואָס ער האָט איהם צו געהאָלפען נאָך צו ציהין די גאַנצע שטאָדט צום אמת פאַדליג זיין חשבון דען זיי האָבען אַלע פאַר לאָזט זייער נאַרישען וועג, און מאַכען דעם שבת אַזוי ווי ער מאַכט אַזוי האָט ער גיגלייבט ביי זיין גאַנץ לעבען, נאָך שבת זענען די גרויסע לייט פון דער שטאָדט גיקומען צום רבי'ן ר"ש און האָבען איהם זייער גידאַנקט אָבער דער רר"ש האָט אויף זייא גוזר גיווען זיי זאָלען שווייגען נישט צו רעדען פון דער זאַך, דאַמאָלס איז דער רבי ר' שמעלקי מפורסם גיוואָרען פאַר א גרויסען בעל מופת זי"ע:

אַ ווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען גאָון און בעוויסטען גייסטליכער פיהרער פון חסידישען עולם דער רבי ר' דוב בער זכרונו לברכה פון מעזריטש דער נאָכפאָלגער פון הייליגען בעל שם טוב זכרונו לברכה מיט דעם גרויסען גאון ר' דוד שלמה דער סראָקער רב וואָס איז בעשעמט געוואָרען מיט זיינע גייסט רייכע ספרים ערבי נחל און לבושי שרד אויף ארבעה שולחן ערוך'ם ;

דער גרויסער גאון ר' דוד שלמה זכרונו לברכה איבערשיץ ער איז גיוועזען

ניוועזען בעוויסט און זיין צייט צעוושיען די גרעסטע תורה אוטאריטעטן ווי מען זעהט פון זיין בערוהמטען חיבור שאלות ותשובות „נאות דשא" אבער ער האט געפיהלט א אינערליך גליסטיקייט צו עפיס גייסטיקע זאכען און זיין הארץ האט איהם געוועקט אז ער זאל זיך נישט בעגניגענען בלויז מיט לערנען נגלה נאהר ער זאל אויך עוסק זיין און די היילגע ספרים וועלכע זענען פיהל מיט סודות התורה, און ווייל דאמאלסט איז בעוויסט געוועזען דער היילגער רבי ר' בער זכרונו לברכה וועלכער איז גערופען געווארען דורך זיינע פיהל אנהענגערע מיט'ן נאמען דער מעזריטשער מגיד פאר דעם גרעסטען אויטאריטעט און די ספרי קבלה וועלכע ווערען נאהר ערקלערט ריכטיג דורך דער שיטה פון חסידות וואס דער היילגער ר' ישראל בעל שם טוב זכרונו לברכה האט אינז מגלה געוועזען. און דער מעזריטשער מגיד האט זיין שיטה פערשפרייט און פארט געזעצט. אלזא האט דער גאון ר' דוד שלמה אייבעשיץ בעשלאסען צו פערפאלקאמען אויך און די לימודי הקבלה דורך דיא ערקלערינגען פון דעם מעזריטשער מגיד. ער איז אהן געקומען קיין מעזריטש פונקט פרייטיג גיוועהנליך איז ער תיכף געגאנגען און מקוה אריין און זיך צו געגרייט מקבל שלום צו זיין דעם היילגען מעזריטשער מגיד און אזוי ווי ער איז אריין געקומען און פאדער צימער וואס פון דארט פלעגט מען אריין צו גיין צום מגיד און די חסידים וועלכע זענען דארט געשטאנען און געהאפט זוכה צו זיין מקבל שלום צו זיין האבען דערזעהן דעם גרויסען בעוויסטען גאון דער סראקער רב האבען זיי אים געמאכט אנ'ארט און געלאזט דער ערשטער זיין צום שלום נעמען, אבער דורך דעם האבען זיי איהם קיין טובה ניט געטוהן נעמליך דער בעל דבר האט ביי איהם געפינען עפיס אצו טריט און איהם אריין געברענגט און א ביסעל גיאות, דער גאון האט דאס נישט בעמערקט און אזוי ווי ער איז אזוי גישטאנען האט דער שמש ניעפינט די טוהר און דער גאון ווי אויך דער גאנצער עולם זענען אריין גיגאנגען מקבל שלום זיין פון דעם היילגען מעזריטשער מגיד:

אבער ווי גרויס איז זייער פערווינדערינג גיוועזען ווען זיי האבען דערזעהן אז דער היילגער רבי ר' בער האט דעם גאון זייער קאלט אויף גענומען און גיגעבען שלום גלייך ווי דעם פראסטעסטען

מענטש

מענטש, זיי האָבען די זאַך בשום אופן נישט גיקענט פערשטיין נאָך ווער וועט זיך דאָס אינטער שטעללען צו זאָגען דעם רבי'ן דאָס דער מענטש איז איינער פון די וועלט'ס גאונים, אַלזאָ דער עולם איז און בית המדרש אַריין דאַווענען מען האָט אָב געדאַווינט אין דער רבי איז אַריינגעקומען צום טיש זעלבסט פערשטענדליך דאָס דער גאון איז אויך גיוועזען איינער פון די טיש זיצער'ס אָבער צום גרויסען פער ווינדערונג פון אַלע האָט דער רבי ר' בער ביי אַלע דרייא סעודות דעם גאון שטאַרק גע'רודפ'ט און ער האָט איהם געזאָגט אַזעלכע שאַרפע ווערטער וואָס אַפילו אַנדערע זענין דערפין איבער רעש'ט געוואָהרען און דער גאון האָט דערפין זייער שטאַרק געליטען ביז ער איז אַריין געקומען און גרויס שפלות און עס איז ביי איהם רעכט געוואָהרען דאָס דער הייליגער רבי ר' בער וואָס ער האָט ליב יעדען יוד אַזוי ווי זיך אַליין איז איהם אַוודאי נישט אומזיסט מצער און אַדרבה ער איז גאָהר דרונען שילדיג וואָס ער איז געקומען צו דעם הייליגען מבין איידער ער האָט אמת'דיג תשובה געטוהן און ער האָט גיברענט דערצו אַז דער מגיד זאָל מיזען משוה זיין זיינע גיטע מדות וואָס ער איז אַ גרויסער אוהב ישראל און ער מיז פאַר זיינעט וועגען אויס טראַכטען אַ זעלכע שאַרפע ווערטער, אין אויף דעם אָרט וואָלט ער דאָך בעסער געזאָגט דברי תורה און אין דעם איז קיינער ניש שילדיג נאָהר ער וויל ער האָט בישט קיין תשובה געטוהן, אין נאָך אַ זעלכע געדאַנקען, זענען איהם איינגעפאַלען אַז ער האָט זיך זייער צו ווינט אין גיבעטען דעם רבונו של עולם ער זאל איהם מוחל זיין אויף זיינע זינד ער זאָל נישט דער מיט מצער זיין דעם הייליגען מגיד אין איהם מבטל זיין פין זיינע הייליגע געדאנקען:

פלוצלינג האָט זיך די טיהר פין רבינ'ס חדר גיעפינט אין דער משמש איז אריין געקומען איבער רעש'ט אין בית מדרש אַריין די חברה זענין באַלד צו געלאָפען פרעגין וואָס ער איז אַזוי איבער געשראָקען דער משמש האָט פין גרויס איילעניש נישט גיקענט ענטפערין מעהר ווי די פאָהר ווערטער דער רבי האָט גיהייסין גלייך אויף זיכען דעם סראָקער גאון אין ער זאָל אַריין קימען צום רבי'ן דער עולם האָט זיך תיכף צו שפרייט אויף אַלע סטאַנציעס אום צו זיכען דעם גאון ביז זיי האַבין איהם געטראָפען ווי ער זיצט אין ווינט

זיינער

זייער שטארק אין מאכט זיך א חשבון הנפש, די חסידים זענען דערפון זייער פערוואונדערט געוואָרען ווייל דעם גאון האָט מען געהאלטען פאר אגרויסען ירא שמים אין אז ער דארף אזוי צו וויינען אין מקבל תשובה זיין וואָס זאָלען זיי נאָך זאָגען אלזא דער עולם האָט שטארק תשובה געטוהן אין זיי האָבין געזאָגט דעם גאון דאָס דער הייליגער מגיד רופט איהם איז ער זייער דער ציטערט געוואָהרען ווייל ער האָט גירעכינט דאָס ער האָט נאָך נישט ווי גיהעריג תשובה געטוהן. אָבער וואָס קען ער שוין יעצט טוהן עס איז פערפאלין אז מען רופט מיז מען גיין בפרט נאָך אז זיי האָבין איהם געזאָגט דאָס דער רבי האָט געזאָגט אז זיי זאָלין איהם געך אויפזיכען אין ער זאָל תיכף קימען צום רבי'ן. האָט ער זיך באלד אויפגעהויבען אין מיט די חסידים מיט געגאנגען צום רבי'ן. אין אזוי ווי ער איז צו געקומען צו דער שוועל פין דעם מגיד'ס חדר איז דער מגיד איהם א קייגען געקומין אין ער האָט איהם בעוויזען גרויס ליבשאפט. די חסידים זענין געבליבען שטיין אין דרויסען ווי זיי האָבין מורא געהאט אריין צו גיין אומגערופען נאָהר דער רבי האָט נישט גיהייסען פערשליסען די טוהר האָבען זיי אלעס גיהערט וואָס דער רבי האָט מיט איהם געשמיסט. נעמליך אזוי ווי דער גאון איז אריין געקומען האָט דער הייליגער רבי ר' בער זכרונו לברכה צו איהם ביזאָגט איך ווער דיר דערציילען א מעשה וועלכעס איז פאָרגעקומען און די צייטען פון די גרויסער פראגער רבנים:

אייגמאהל האָט א שניידער אָפ געברענגט א מלבוש צו פאסען איינעם פון די גרויסע פראגע רבנים אין ווי איז דער שטייגער פון דעם שניידער דאָס ווען עהר פאסט אָהן דאָס מלבוש און עס איז נאָך נישט אויפגענייט מאכט זיך אז איין פאָלע איז גרעסער פון דער צווייטער מיז ער צו גלייכען צו איהר כדי ער זאָל וויסען ווי פיהל ער דארף זי צו קערצען און אזוי ביי די פלייצעס דארף מען זעהן די ברייט צו זיא איז פינקטליך און דרובער האָט דער שניידער געמיזט הייסען דעם רב פרוהער שטיין גלייך און דערנאָך זיך אויס דרייען און דער זייט דערנאָך און דער צווייטער זייט, און אזוי האָט ער איהם גיטוהן אצוה פריהער בייא דער לאץ און דערנאָך בייא דער צוויטער און אזוי בייא דיא פלייצעס האָט ער געמיזט אלע מאָהל איהם געבען א ציפ און אין דער רכטער זייט און אין דער לינקער זייט אללעס

אַלעס כדי ער זאָל קענען אָבשטעלען דאָס מלבוש עס זאָל דערנאָך זיין געפּאַסט און ליגען גיט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין דערנאָך דער רב זאָל דערפין צופרידען זיין. דער שניידער איז אָבער נישט קיין גאָהר און אויך נישט קיין עזות פנים אַזוי וויא עס זענען פערהאַנדען מאַנכע שניידער׳ס, האָט ער זיך בשעת מעשה איבער גזרעכינט אַז דאָס איז נישט קיין דרך ארץ ער זאָל דעם רב אַזוי פּיהל מטריח זיין אמת טאַקע ער טוהט דאָס כדי דער רב זאָל דערנאָך דערפון הנאָה האָבען אָבער זיין כוונה איז נישט חלילה דעם רב פּוגע בכבודו זיין. אָבער דער רב איז דאָך נישט קיין יודע מחשבות ער זאָל וויסען וואָס ביי איהם אין האַרצען טוהט זיך. אַלזאָ איז ביי איהם געבליבען דאָס ער זאָל דערנאָך דעם רב דאָס אַלעס דערציילען און געבען אַנערקלערונג אויף זיין טאַט דאָס ער איז דערמיט נאָר אויסען געוועזען די טובה פון רב כדי ער זאָל דערנאָך זיין צופרידען פון דעם מלבוש, ער האָט ווירקליך אַזוי געטוהן און האָט דעם רב ערקלערט אַז אַזוי איז דער שטייגער פון די בעלי מלאכות, און אַז ער האָט אַנדערשט נישט געקענט טוהן אַז דאָס מלבוש זאָל דערנאָך זיין געפּאַסט, אָבער ער איז נישט חלילה אויסען געוועזען דעם רב מטריח צו זיין און יעצט בעט ער איהם איבער אַז ער זאָל איהם דרויף מוחל זיין, דער רב וואָס האָט פערשטאַנען אז דאָס איז טאַקע אמת און דאָס וואָס דער שניידער בעט איהם איבער איז וועיל ער האָט דעם רב זייער ליב קלערט ער אַריין טאָמער האָט ער דעם רב מצער געווען און איז דערפין זייער צופרידען געבליבען און איז געוועזען דעם שניידערס שטענדיגער קליענט, דאַמאָלסט האָט דער עולם הערשט פערשטאַנען וואָס דער רבי האָט דעם גאון אַ גאַנצען שבת גע׳רודפ׳ט און ווי גרויס דער גאון איז ביי איהם דאָס ער פערענטפערט זיך פאַר איהם. דער זכות פון די צדיקים זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אָמן :

דאס גרויסע צדקות און גאונות פון דעם הייליגען בעוויסטען חסידישען גאון און מנהיג פון פיהל טויזענדער חסידים ר׳ יצחק מאיר ז״ל וואס איז בעוויסט און דער לומד שער און חסידישער וועלט מיטען נאמען דער חידושי הרי״ם זכרונו לברכה:

דעם חידושי הרים׳ס מוטר אלעס ווען זי האט מיט איהם געשוואנגערט איז זי געקומען צום הייליגען גאון און צדיק ר׳ ישראל קאזיניצער וואס איז בעוויסט מיט׳ן נאמען דער קאזעניצער מגיד זכרונו לברכה מקבל צו זיין א ברכה אז דאס קינד זאל זיין א תלמיד חכם און א ירא שמים אזוי ווי דאמאלסט איז גיוועזין דער מנהג בכל תפוצות ישראל דאס יעדען שוואנג פרויא פלעגט צו פאהרען צו די בעוויסטע צדיקים פין דור זיי זאלין איהר געבין א ברכה אז דאס קינד זאל זיין גיט. האט איהר דער הייליגער קאזעניצער זכרונו לברכה געזאגט אז דאס קינד וועט פערשאנען די וועלט מיט זיין תורה און צדקות נאהר ער וועט זיין א קאצקער חסיד נישט קיין קאזעניצער. דער נאך ווען זיינע עלטערין זענין ביי איהם יונגע הייט א וועק געקומען ר״ל איז ער ערצויגען געווארען ביי דעם הייליגען קאזעניצער מגיד זכרונו לברכה ער האט באלד ארויס געוויזען נאך אלעס יונגעל דאס ער וועט ארויס וואקסען א כלי מפואר און ער איז באלד בעשעמט גיווארען מיט דעם נאמען דער ווארשאווער עילוי. נאך דער פטירה פין דעם הייליגען קאזעניצער מגיד זכרונו לברכה ווען דער עולם האבין אהנגעהויבען צו פאהרען צו זיין זיהן דער רבי ר׳ משה אליקים בריעה זכרונו לברכה וועלכען די מתנגדישע וועלט האבין געזאגט דאס ער קען נישט לערנין אין דער חידושי הרי״ם איז אויך געפאהרען קיין קאזעניץ האבין די מתנגדים איינמאהל איהם געשיקט פרעגין א שווערען תוספות מיט וועלכען זיי זענין דערמיט גיט אומשטאנד גיוועזין באמת צו וויסען דעם ריכטיגען פשט אין דעם תוספות נאהר צו ווייזען אז דער רבי ר׳ משה׳לע קען נישט לערנען און דערמיט אבשאפטען פין די חסידים מיט זיירע רבי׳ס. דאמאלסט האט דער חידושי הרי״ם זכרונו לברכה נאך

אללעס

אלעס גאָהר איונגער מאַן צו נישט געמאַכט זייערע אַלע פלענער אין ער האָט זיי איבערצייגט מיט זיין גרויס גאונות דאָס זיי ווייסען נישט דעם אמת'דיגען פשט אין תוספות אין זייערע קשיא איז קיין קשיא נישט אין ער האָט זיינע ווערטער אַזוי פאַקטיש בעגרינדעט דאָס די מתנגדים וואָס זענין געקומען פרעגין וועלכע זענין זעלבסט פערשטענדליך אויך געוועזין גרויסע תלמידי חכמים האָבין איהם געמוזט מודה זיין אין זענין אַוועק געגאַנגען פערשעמט אין פונדעסט וועגען האָט זיי הנאה געטוהן וואָס זיי זענען געוואָהר געוואָרען דעם ריכטיגען פשט און תוספות ווייל ווי געזאָגט זענען זיי דאָך געוועזען אמת'דיגע לומדים און דורך שלא לשמה זענען זיי געקומען צו לשמה:

דערנאָך האָט דער רבי ר' משה'לע אַריין גערופען דעם חידושי הרי"מ אין איהם געגעבען אַ קוש און קאָפּ אַריין דערפאַר וואָס ער האָט איהם מציל געוועזען פון דער בושה וועלכע די מתנגדים האָבען געוואָלט איהם מבייש זיין אָבער דאָס האָט אַרויס גערופען ביי דעם חידושי הרי"ם אַ גרויסען שטורם ווייל ער האָט געזאָגט דאָס אויב דער רבי וועט איהם קישען און ערליך האַלטען וועט ער פון איהם נישט קענען מקבל זיין קיין יראת שמים ווייל דער בעל דבר וועט איהם שטענדיג נאָך יאָגען מיט פערשידענע איינרעדענישען, בכלל האָט ער געזאָגט טויג נישט פאַר איינעם וואָס וויל זיין אַ אמת'דיגער חסיד אַזוי אַ רבי וואָס קישט, נאָהר אַ רבי וואָס שטעכט, ער זאָל פאַר איהם מורא האָבען און דאַמאָלסט איז דער חידושי הרי"מ זכרונו לברכה אַוועק געפאָרען דיא קאָצקער חסידים דערציילען דאָס דער רבי ר' משה'לע קאָזניצער האָט שטאַרק הקפדה געהאַט אויף דעם חידושי הרי"ם און ביי יעדען מאָהל וואָס ער איז געפאָהרען קיין קאָצק מיז איהם נישט פאַר קיין שום יוד געדאַכט אַוועק געקומען אַ קינד, נאָהר דעם חידושי הרי"ם האָט אַלעס אָהנגענומען באהבה און זיין גאַנצע אַרבייט איז געוועזען צו בעקומען אַ קלאָהרע ידיעה און אבדות השי"ת און דרובער זאָגט ער אַפילו קיין טרערען נישט געלאָזט ווען עס זענען ביי איהם דיא קינדער אַוועק געקומען אַזוי ווי עס שטייט ביי אהרן הכהן עליו השלום וידום אהרן, דאָס הייסט ווייל ער האָט געהערט דאָס דער טויט פון זיינע קינדער וועט ברענגען איהם און אַלע יודען אַ ידיעה און עבדות השי"ת אַזוי ווי דער מדרש רעכינט אויס די אַלע זאַכען וואָס.

צוליעב

צוליעב זיי זענען אהרן הכהן׳ס קינדער נדב ואביהו גישטארבען און פון זיי האבען זיך אלע יודען ארוס גילערינט זיי זאלען זיין גשוואהרענט און די זאכען דרובער האט ער גישוויגען און ער האט אפילו קיין טרער גישט געלאזט, נאהר ביי דעם לעצטען זוהן אברהם מרדכי זכרונו לברכה דער פאטער פון דעם „שפת אמת״ זכרונו לברכה האט ער יאה געוויינט און בעגרינדערט זיינע טרעהען דאס מען האט ביי איהם צו געגומען דאס מינדערקייט מקיים צו זיין די מצוה פון ולמדתם את בניכם, פונדעסטוועגען ווען איידער ער איז דאס לעצטע מאהל געפאהרען קיין קאצק און ווי עס זעהט אויס האט די רבי׳צען פערשטאנען אז דאס אוועק קומען פון זייערע קינדער האט עפיס א שייכות מיט זיין פאהרען קיין קאצק און זי האט געוואלט חאטש מיט געוואלד דאס לעצטע קינד אבראטייווען האט זיא זיך א ניידער געלייגט פאר די פערד און האט איהם גישט געלאזט פאהרען קיין קאצק האט ער איהר גאנץ געשלאסען און זיכער גיענטפערט איך מוז טוהן וואס איך דארף און וואס ער וויל זאל ער טוהן און ער האט זיך אויך דאס מאהל ריזיקירט און איז געפאהרען קיין קאצק אזוי איז ביי איהם דער אמת טייער געוועזען :

אבער זעהט אויס דאס און הימעל האט מען געוואלט דורכאויס אז עס זאל צוריק געשלאסען ווערען א שלום צווישען דעם חידושי הרי״מ מיט דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לע קאזניצער אלזא האט זיך געמאכט אגילעגענהייט דאס דער חידושי הרי״מ זאל ווידער קענען ארויס ווייזען זיין אמת׳דיג טרייעשאפט צום רבי׳ן ר׳ משה׳לע נעמליך די מחותנים ר׳ יעקאבקע לאנדא דער זוהן פון בעוויסטען מתנגד׳ישען וועלט׳ס גאון דער פראגער רב ר׳ יחזקאל לאנדא וואס ער איז בעשעמט און דער גאנצער וועלט מיט דעם נאמען „נודע ביהודה״ אויף דעם נאמען פון זיין גייסטרייכען ספר שאלות ותשובות נודע ביהודה וועלכע האט זיך משדך געוועזען מיט ר׳ זלמן פויזנער פון ווארשא, אין זיי האבען אב געשמיעסט דאס די חתונה זאל נישט זיין און ווארשא נאהר און קאזעניץ, זעלבסט פערשטענדליך דאס מען האט געמיזט בעטען דעם רב ר׳ משה׳לע קאזיניצער צו מסדר קידושין זיין ווייל ער איז דאך געוועזען שטאדט׳ס רב און עס איז איהם אויס בעקומען צו זיצען אויבענאהן ביי דעם טיש מיט די גאונ׳ישע און גבירישע

גביר'ישע מחותנים און ווי דער חידושי הרי"ם איז דערפין געוואָהר געוואָרען האָט ער באַלד פערשטאַנען דאָס ווייל די מחותנים זענען אויס געשפּראָכענע מתנגדים וועלען זיי וועלען אויסניצען דאָס גילעגענהייט אזוי ווי די וועלט שמועסט דאָס דער רבי ר' משה'לע קען נישט לערנען אז זיי זאָלען איהם פרעגען עפּיס און ער זאָל נישט וויסען צו ענטפערן און דאָה וועלען זיי געפינען אַנ'אָרט ווי אָב צו לאַכען פון די חסידים מיט זייערע רבי'ס, דער חידושי הרי"ם האָט שוין נישט גיקענט רוהען און האָטש דער חידושי הרי"ם איז דאַמאָלס גיוועזען מאַטריעליש זעהר געדריקטק פונדעסטוועגען האָט ער תיכף געדינגען אַ קאָטש און האָט זיך משוה גיוועזען מיט דעם בעל עגלה אַז ער וועט איהם צו שטעלען קיין קאָזעניץ צו דער חופּה וועט ער איהם בעצאָהלען טאָפּעל וויפיהל זיי האָבען זיך געהאַט משוה גיוועזען, דער בעל עגלה האָט אָהנגעהויבען צו יאָגען די פערד אָהן אַ שום אָברוה אָבער ווייל זיי זענען זייער שפּעט אַרויס געפאָהרען איז די זאַך אוממיגלעך גיוועזען אַ דורך צו פיהרען, דרובער תיכף אַזוי ווי זיי זענען אָהנגעקומען קיין קאָזעניץ איז דער חידושי הרי"ם אַראָפּ געלאָפען פון דער קאָטש און איז גלייך געלאָפען צו דעם אָרט ווי די חתונה איז פאָהר געקומען און ער האָט אַפילו זיינע וועג'ס מלבושים נישט אויסגעטוהן נאָהר אַזוי גלייך אַריין געשטיפּט זיך צווישען דעם עולם לעבען רבי'ן ר' משה'לעס שטוהל אין ט קיינער האָט איהם ניט דערקענט ווער ער איז:

ווי ער האָ זיך אַביסעל בערוהיג האָט ער צו זיין פרייד דערזעהן דאָס מען גייט זיך ערשט וואַשען צום עסען און אַז עהר האָט נאָך נישט געשפּעטיגט באַלד האָבען די מחותנים אָהנגעהויבען אַרויף צו ברענגען אַ שמוס וועגען אַנ'ענין פון נטילת ידים און האָבען זיך דרובער געשפּאַרט יעדער איינער האָט נישט געוואָלט נאָך געבען דעם צווייטען. אַלזאָ איז בייא זייא געבליבען מען זאָל פרעגען דעם רב, איז דער חידושי הרי"ם אַרויסגעשפּרונגען און זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם גרויסען טעות וואָס זייא האָבען און דעם פשט און ער האָט זיי געטוהן צו לייגען דעם גאַנצען פונדאַמענט אויף וועלכען זייער אויפטוה האָט זיך געשטיצט אין מיט אַ זעלכע לאַגישע סברות דאָס אַפילו די קלענערע בני תורה וואָס האָבין ביי געוואָהנט די חתונה סעודה האָבין אויך פערשטאַנען דאָס דער יונגערמאַן איז גירעכט אין

די

די׃ גאונישׂע מחותנים ר׳ יעקאבקע לאַנדע אין ר׳ זלמן פויזנער האָבען
אַפילו גאָהר נישט געפּרובט זיך פערטיידיגען פין דעם פלוצלינגען
אַנגריף ווייל דער חידושי הרי״ם האָט מיט אַ זעלכע געניטע אַרגימענטין
זיך געשטיצט דאָס עס איז גלאַט געוועזין אַ בושה עפּיס וועגען דעם
אויפטהו זייערען צו שמיסען עס האָט אויסגעוויזען ווי אייגער וואָלט
אויפגעטוהן ביי׃ טאָג אַז עס איז יעצט נאַכט אין געוואָלט דאָס בעגרינדין
מיט אַ סברא דאָס פערגעוויס וואָלט יעדין אויף ריכטיגער אין אמת
דענקעדער מענטש נישט געוואָלט אַפילו אַריין גיין מיט אַזעלכע אין
אַ דיסקוסיע אַריין. נאָהר דער גאון ר׳ יעקאבקע לאַנדע האָט געזאָגט
מיט גרויס פערווינדערינג צו זיין מחותן ר׳ זלמן פויזנער איהר האָט
דאָך מיר געזאָגט דאָס דער רבי ר׳ משה׳לע מיט זיינע אַלע חסידים
קענין נישט לערנין אין זענען מבטל זייערע טעג אין נעכט מיט
בראָנפין טרינקין אין יעצט זעה איך דאָך אַ יונגערמאַן וועלכער וואָלט
געוועזין ביי׃ איבז מתנגדים פער רעכינט צווישען די׃ גאונים אין דאָה
האָט ער אַפילו נישט קיין זכי׳ צו זיצען ביי׃ דעם רבינ׳ס טיש. נאָהר
שטיפט זיך גלייך צווישען אַלע יונגע לייט. ר׳ זלמן פויזנער האָט איהם
געענטפערט אַז דאָס אַלעס וואָס איך האָב אייך ערקלערט וועגין דעם
רבי׳ן ר׳ משה׳לע מיט זיינע חסידים איז דער ריכטיגער אמת נאָהר
דער יונגער מאַן קימט מיר טאַקע פאָהר ווי׃ אַ רעטעניש. אין ווייל
דער חידושי הרי״ם איז נאָך געגאַנגען אין זיינע וועג׳ס מלבושים האָט
איהם ר׳ זלמן פויזנער נישט געקענט דער קענען פון דער ווייטענס
דרובער איז ער אַ פעהר גיגאַנגען פין טיש אין געגאַנגען זעהן ווער דער
ווינדערליכער יונגער מאַן איז אָבער ווי׃ איבער רעשט איז ער געוואָהרין
זעהנדיג אַז דער יונגער מאַן איז נישט קיין אַנדערע ווי׃ דער בעוויסטער
וואַרשעווע עילוי׳ ר׳ יצחק מאיר אין ער איז צוריק געגאַנגען צום טיש
אין ער האָט איינגערוימט דעם מחותן ר׳ יעקאבקע אז דאָס איז דער
בעוויסטער וואַרשעווער עילוי׳ אין האָב מיר גאָהר נישט פאָהרגעשטעלט
דאָס אויך ער זאָל זיין צווישען דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לעס הסידים אין
יעצט אויב ער איז דאָה אויף דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לעס זייט וועלען
מיר שוין גאָהר נישט קענין אויף טוהן אין מיר מיזען פער געסין פין
אונזערע פלענער. דער חידושי הרי״ם איז שוין דאָרט אַזוי פערבליבין
ביז נאָך דער סעודה ווען אַלע זענין זיך אַוועק געגאַנגין אין אויך דער
רבי

רבי ר׳ משה׳לע איז אַ היים געגעאַנגען בשלום דער נאָך האָט דער רבי ר׳ משה׳לע געשיקט נאָך דעם חידושי הרי״ם און ער האָט איהם זייער געדאַנקט דער פאַר וואָס ער האָט איהם מציל געוועזין פון דער גרויסער בושה וואָס ער וואָלט גיוועזין געהאַט אויף דער סעודה פין די מתנגדישע מחותנים. און ער האָט איהם גיגעבין אַ קיש אין קאָפּ אַריין, פין דער מעשה קענען מיר זעהן דאָס גרויסע צדקות פין דעם חידושי הרי״ם דאָס אפילו נאָך דעם ווי ער האָט געליטען אַזוי אַגרויסין עונש ר״ל דורך דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לע דאָס אַלע זיינע קינדער זענין אַ וועק געקומין השם ישמרינו פינדעסט וועגין האָט ער זיך משתדל גיוועזין מיט אַלע כוחות דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לע אַ טובה צו טוהן. דער זכות פון די הייליגע צדיקים זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפין ווערען מיט אַלעם גוטען און זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אָמן:

אַ וואונדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען רבי׳ן ר׳ זעליגעל שענקער זכרונו לברכה:

איינמאָהל זענען די חסידים זיך צוזאַמען געגאַנגען אויף אַ סעודת מצוה און אַזוי ווי מען האָט געטרונקען לחיים צום רבי׳ן ר׳ זעליגעל איז גיוועזען צווישען די חסידים איינער אַ יונגער מאַן וואָס ווען ער האָט גיטרונקען לחיים און דער רבי ר׳ זעליגעל האָט איהם גיענטפערט ווי גיוועהנליך מיט אַ ברכה אַזוי ווי אַלע מענטשען האָט ער נאָך דעם יונגען מאַן צו געלייגט די ווערטער גיי אַ היים און ריק איבער דעם קינד׳ס וויגעלע אויף אַנ׳אַנדער אָרט, דער יונגער מאַן האָט נישט פערשטאַנען וואָס דער רבי ר׳ זעליגעל מיינט דערמיט און דער רבי ר׳ זעליגעל איז גיוועזען בעוויסט פאַר אַ גרויסען חכם און אין יעדען וואָרט זיינס איז געוועזען בעהאַלטען אַנ׳איבערליכע כוונה און אַ מוסר אויף וועלכער שלעכטער מדה וואָס ער האָט יענעם גיוואָלט אויפמערקזאַם מאַכען אויף איהר, האָט דער יונגער מאַן געמיינט אַז דער רבי ר׳ זעליגעל מיינט יעצט אויך וועלכע בעהאַלטענע כוונה דרונען און ווייל יעצט צווישען דעם עולם איז דאָך נישט געוועזען

קיין אָרט צו פרעגען דעם רבי'ן ר' זעליגעל וואָס ער איז אויסען מיט זיינע דאָזיקע ווערטער דרובער האָט זיך דער יונגעמאַן גאָהר נישט געמאַכט וויסענדיג דערפון און ווי מען האָט שוין אָבגעטרונגען בראָנפען און מען האָט אַביסעל געשמיעסט דברי תורה איז דער עולם זיך געגאַנגען וואשען און נאָך אַ מאהל געני‌מען אַ ביסעל בראָנפען און געטרינקען לחיים און דער יונגער מאַן האָט אויך צווישען אַלע חסידים געטרינקען לחיים צו ר' זעליגען און ר' זעליגעל האָט איהם ווידער דאָס אָהנגעזאָגט, נאָהר דאָס צווייטע מאָהל האָט ער שוין אַ ביסעל שטרענגער געזאָגט בעמליך איך האָב דאָך דיר שוין איינמאָהל געזאָגט דאָס די זאָלסט אַהיים גיין אין איבער ריקען דעם קינד'ס וויגעלע. און ווי די מענטשען וואָס זענען דאָרט געוועזען האָבען געהערט דאָס ר' זעליגעל זאָגט מיט אַ שטרענגען טאָן האָבען זיי געזאָגט דער יונגען מאַן ער זאָל אַהיים גיין און איבער ריקען דעם קינד'ס וויגעל אויף אַנ'אַנדער אָרט ווי ר' זעליגעל הייסט איהם, אָבער דער יונגערמאַן האָט ווייטער זיך געקלאָגט און געזאָגט דאָס עס איז נישט מיגליך ר' זעליגעל זאָל מיינען פשוט ער זאָל איבער ריקען דאָס וויגעלע אויף אַנ' אַנדער אָרט ווייל וואָס איז דען ר' זעליגעל אַנפקא מינה אויף וועלכען אָרט דאָס וויגעלע שטייט. און ער האָט זיך ווייטער גאָהר נישט דערפון געמאַכט, דערנאָך ווי זיי האָבען אָבגיגעסען דיא פיש האָבען זיי ווידער גענומען אַ ביסעל בראָנפען און נאָך אַמאָהל געטרינקען לחיים האָט ר' זעליגעל צו איהם גיזאָגט. דיא שוטה איינער וויפיהל מאָהל דאַרף מען דיר זאָגען אַז דיא זאָלסט אַ היים גיין און איבער רוקען דעם קינד וויגעלע און די הערסט נישט וואָס איך רעד צו דיר, אַלזאָ בייא שוין אַ היים און ריק איבער דעם קינד'ס וויגעלע אויף איין אַנדער אָרט און ווייל יעצט האָט שוין דער רבי ר' זעליגעל געזאָגט אָפען דאָס ער מיינט פשוט ער זאָל אַהיים גיין און איבער רוקען דאָס וויגעלע אויף איין אַנדער אָרט, און דער רבי ר' זעליגעל איז ביי זייא גיוועזען זייער חשוב און מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ מדריגה מענטש זאָגאַר אַז ער איז אַ בעל רוח הקודש, איז דער יונגער מאַן באַלד אַהיים גיגאַנגען און ער האָט איבער געריקט דעם קינד'ס וויגעלע און ווייל ער האָט זיך זייער געאַלט צוריק צו גיין צו דער סעודה האָט ער גאָהר נישט בעמערקט וועגען וואָס ר' זעליגעל האָט איהם געהייסען

געהייסען אַ היים גיין און איבער רוקען דעם קינד׳ס וויגעלע און ער איז באַלד צוריק געגאַנגען צו די חסידים צו דער סעודה, אָבער וויא איבע׳רעשט איז ער געוואָהרען וויא אויך אַלע חסידים וועלכע זענען דאָרט אַנוועזענד געוועזען הערענדיג און אַ פערטיל שעה נאָך דעם יונגענמאַנס צוריק קומען דיא בשורה טובה וואָס מען איז געקומען צו לויפען אָהן זאָגען דעם יונגענמאַן דאָס נאָך דעם וואָס ער איז אַוועק גיגאַנגען האָט מען דאָס קינד געלייגט שלאָפען און וויגעלע אַריין און עס איז זיי אַפילו אויפפאַלענד גיוועזען וואָס דאָס וויגעלע שטייט נישט אויף דעם זעלבען אָרט ווי עס שטייט אַלע מאָהל, נאָהר ווייל די דינסט האָט געזאָגט דאָס דער בעל הבית איז ספעציעל צוריק געקומען פון שטיבעל און ער האָט איבער גערוקט דאָס וויגעלע און איז איילענדיג צוריק געגאַנגען און שטיבעל אַריין, זעהט אויס דאָס ער האָט געהאַט אַנ׳ערענטע כוונה, דרובער האָבען זיי דאָס וויגעלע געלאָזט שטיין אויף דעם אָרט ווי ער האָט עס אַוועק געשטעלט. אָבער וויא ערשטוינט זענען זייא געוואָרען ווען און איינינגע מיניט אַרום איז דער אייזערנע קייט אויף וועלכע דער שווערער מעשענער הענגעל לייכטער האָט געהאָנגען פלוצלונג איבער גערוסען געוואָהרען און שווער וואָגינע מנורה מיט דעם הענגעל לייכטער זענען אַראָב געפאַלען און ווען דאָס וויגעל וואָס פלעגט דאָרט שטענדיג צו שטיין און מיטען שטוב אינטער דעם הענגעל לייכטער וואָלט אויך יעצט גיוועזען דאָרט געשטאַנען וואָלט דאָס קינד זיינס חלילה גיוועזען צו שמעטערט געוואהרען האבען ערשט אַלע גיזעהן ווי גרוס ר׳ זעליגעל איז, און דער יונגערמאַן האָט געשיקט נאָך משקה און געדאַנקט השי״ת פאַר דעם נס וואָס ער האָט איהם גיטוהן, אַ מוסר השכל דאָס מען טאָר נישט הענגען קיין שווערע זאַכען איבער קיין וויגעל אָדער בעט אָדער אַנדערע ערטער ווי דער מענטש איז זיך שטענדיג גיוואוינט צו זיין ווייל נישט שטענדיג טרעפט זיך ניסים און אויך נישט שטענדיג איז דאָה אַזעלכע בעלי רוח הקודש ווי ר׳ זעליגעל זכרונו לברכה זיין זכות זאָל אינז ביי שטייז מיר זאָלען ניצול ווערען פון כל מיני שלעכטץ אָמן:

א וואונדערליכע ערצעהלונג פון הייליגען רבי׳ן ר׳ העניך פון אלעקסאנדער זכרונו לברכה:

דער הייליגער רבי ר׳ העניך פון אלעקסאנדער זכרונו לברכה איז אין אנפאנגס געוועזין זייער בעהאלטען מיט זיינע גרויסע מדריגות אין ער פלעגט פיהל מאהל רעדין א זעלכע רייד וואס די פראסטע מענטשין וועלכע האבען איהם גיהערט רעדין האבין זיי געמיינט דאס ער דערציילט א פשוטע מעשה, אבער די גרויסע לייט וועלכע האבען איהם נעהנטער גיקענט האבען געוויסט דאס ער רעד׳ט בלויז סודות התורה. איינמאהל האבין זיך צו נויף געקומין א חברה פין זיינע רודפים און האבען אויס געקליבען צוויי פון זיי די גרעסטע מחוצפים אין עזות פענימער אין האבען זיי געשיקט קיין אלעקסאנדער זיי זאלען אויף קוקען דאס גאנצע פיהרעכץ פון דעם רבי׳ן ר׳ העניך מיט זיינע חסידים כדי זיי זאלין קענין דער נאך דערפין חוזק מאכען, די צוויי יונגע לייט האבין זיך גענומען זייערע זיידענע קאפאטעס אין שטריימלין אין זענין אויף שבת געפאהרען קיין אלעקסאנדער זיי זענען אריין געגאנגין שלום נעמין גלייך מיט אלע חסידים אין דער רבי ר׳ העניך האט זיי גאר נישט געזאגט אין זיי זענין דארט גיוועזען שבת ביי אלע טישען אין האבען געזאמעלט ליצנות מאטעריאל גאהר אין גרויסען מאסשטאב ווייל ביי דעם וואס ער זיכט נאהר ליצנות קיקט ביי איהם יעדער זאך אויס ווי א ליצנות, אין זינטיג אין דער פריא האט איינער געזאגט צום צווייטען מיר ועלין גייען זיכען א פיהר א היים צו פארין האט דער צווייטער איהם גיענטפערט מיר דארפין דאך פריהער זיך גייען געזעגענין, דער ערשטער פרעגט איהם ווי פערווינדערט צו זענין מיר טאקע אלעקסאנדער חסידים אין מיר זענין געקומין צום רבי׳ן זיך פראווען דאס מיר זאלין זיך צו איהם דארפען גיין געזעגענין מיר זענין דאך נאהר געקומען זיכען פון וואס ליצנות צו מאכין אין דאס האבען מיר דאך שוין גענוג פון דעם גאנצען שבת, ענטפערט איהם דער צווייטער איך האב נישט ליב קיין האלבע זאכען ווען מיר זאלען נישט גיוועזין אריין גיין שלום נעמין וואלט איך נישט געוועזען טאקע דער גענען אוועק צו פאהרען אום געזעגינט אבער יעצט אז מיר זענין גיוועזען

געוועזין ביי דעם רבי'ן שלום נעמין אין מיר וועלין עמיצען דער ציילען ווי עס גייט צו ביי דעם שלום נעמען וועס ער דאך פער עווים פרעגין אין ווי גייט צו ביי דעם געזעגענין אין אז מיר וועלין נישט וויסין וועלין מיר האבען א פנים ווי נאראנים אדער מען וועט אינז אין גאנצען גאהר נישט וועלין גלייבען:

דער צווייטער האט איינגעזעהן דאס זיין חבר איז גערעכט האט ער איהם געפאלגט אין זיי זענין אריין געגאנגען צום רבי'ן ר' העניך זיך געזעגענין. אריינקומענדיג צום רבי'ן ר' העניך האט דער רבי אויף זיי געווארפען אשארפען בליק אין ער האט זיי געפרעגט צו זיי האבין א מאהל געלערינט חומש. די צוויי יונגע לייט וואס זיי זענין שוין גיוועזין משכילים אין זייער גאנצע ידיעה איז בעשטאנען אויס שליסליך אין לערנין תנ"ך האבען זיי זיך דרויף זייער פערווינדערט ווי פאלט עפיס דער רבי ר' העניך אויס זיי אזוי א שאלה צו פרעגין וויל דורך זייער גאולה האבען זיי זיך איינגערעדט דאס יעדער וואס עס קוקט זייא אהן דארף וויסען אז זייא זענען גרויסע תנ"ך קענער'ס ממש משכיל'ין וויל דאס גאנצע איז נאהר וויל מסתמא קענין די חסידים נישט לערנין קיין חומש דרויבער אז דער רבי האט דערזעהן צוויא בייע יונגע לייט קלערט ער אפשר קענין זיי יאה לערנין חומש אין ער וויל א וודאי ביי זיי פרעגין עפיס א שווערין פסוק אין חומש וואס אויך דער רבי אליין ווייסט נישט קיין פשט, אזוי איז זיי איינגעפאל'ין אין דרובער זענען זיי זייער צו פרידען געוועזין מיט דעם דאס זיי וועלין קענין ווייזען דעם רבי'ן ר' העניך זייער גרויסע ידיעה אין תנ"ך אין זיי האבען ביידע גיענטפערט אז זיי קענין גיט לערנין נישט בלויז חומש נאהר אויך גאנץ תנ"ך. האט זיי דער רבי ר' העניך געפרעגט אפשר געדענקט איהר דעם פסוק אין סוף פרשת יתרו ולא תעלה במעלות על מזבחי האבין זיי גיענטפערט דאס זיי געדענקין האט ער זיי-גיבעטין אז זיי זאלין איהם זאגין דעם פשט אין דעם פסוק זיי האבען זיך זייער פערווינדערט דען דאס איז דאך א גרינגער פסוק אין מען דארף גאהר זיין קיין קענער דעם פסוק צו פער טייטשין. גאהר אז דער רבי פרעגט האבין זיי דאך געמוזט ענטפערין האבין זיי איהם געזאגט, דעם פראסטין טייטש די זאלסט נישט אויף גיין מיט קיין שטאפלין אויף דעם מזבח כדי דיין שאנדע זאל אויף איהם נישט

ענטפלעקט

ענטפלעקט ווערן, דעמאלט האט זיך דער רבי ר' העניך אויף געשטעלט אין געזאגט צו די צוויי יונגע לייט נישט אזוי יונגע לייט לערינט מען אין נישט דאס הייסט געקענט לערנין די יונגע לייט זענין געבליבין שטיין זייער פערווינדערט וואס דער רבי האט זיי פינקט דעם פסוק געפרעגט ווען ער זאגט דאס דער פשט איז נישט אזוי ווייסט ער דאך יאה דעם פשט, וואס דען איז ער אויסען דערמיט זיי צו פרעגען, אבער דאס רעטעניש איז באלד ביי זיי קלאהר געווארען ווען דער רבי ר' העניך האט זיי ערקלערט דאס דער פסוק פערמאגט א חוץ דעם פראסטען פשט אויך א רמז אויף זייער קומען דאה אהער צום רבי'ן כדי זיי זאלען קענען דערנאך ליצנות מאכען פון זיין פיהרינג, און בעמליך דעם פסוק קען מען אזוי טייטשען ולא תעלה די זאלסט נישט אויפגיין במעלות מיט קיין פעלטשונג, על מזבחי דאס מיינט מען דעם צדיק וואס ער שעכט אב זיין יצר הרע און זיינע קערפערליכע תאוות פון השי"ת וועגען ווייל אז די וועסט נישט פאלגען. אשר לא תגלה ערותך עליו וועט איבער דעם דיין שאנדע ענטפלעקט ווערען דיא יונגע לייט האבען זיך אייגער דעם צווייטען אהנגעקוקט פערווינדערט ווייל זיי האבן נאך קיין מאהל אזוי א פשט נישט גיהערט אבער דער רבי ר' העניך האט ווייטער גיזאגט יאה יאה יונגע לייט דער צדיק קען אויסזאגען אייערע אלע פאסקודנע זאכען וואס איהר האט אב געטוהן און איהר מיינט דאס קיינע וועט געוואהר ווערען וועט איהר אייך שעמען דעם קאפ אויפצוהייבען און ער האט זיי אהנגעהויבען אויסצו רעכינען זייערע אלע נידער טרעכטיגע זאמען וועלכע זייא האבען געמיינט דאס עס ווייסט קיינער נישט דערפין און מען וועט זיך אויך קיינמאהל נישט דערוויסען, דיא יונגע לייט זענען געבליבען שטיין זייער פערשעהמט און זייא האבען שוין גאהר פערגעסען דעם צועל פון זייער קומען ווייל זייער הארץ איז איינאיינעם צו גאנגען פון גרויס עגמת נפש און זייא האבען אהן געהויבען צו וויינען און געבעטען דעם רבי'ן ר' העניך ער זאל זיי ארויס געבען א תשובה דער רבי האט זיי געטרייסט און ער האט זייא ארויס גיגעבען א תשובה, און זיי זענען גיווארען בעלי תשובה און חסידים גמורים און זענען זייערע אלע יאהרען געפאהרען צום רבי'ן ר' העניך קיין אלעקסאנדער און זייא האבען זיך אויך משתדל גיוועזען די רעשט חבירים זייערע מחזיר למוטב צו זיין און זייא מאכען פאר

אמת'דיגע

אמת׳דיגע חס דים, דער זכות פון היי׳ליגען רבי׳ן ר׳ הענין זכרונו לברכה זאל אינז בייא שטיין מיר זאלען זוכה צו זיין צו בעהעפטען זיך צו די אמת׳דיגע צדיקים און צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

און דיזע געשיכטע ווערט ערציילט ווי דער רבי ר׳ נחום מטשערנאביל איז געוועזען א בעל רוח הקודש:

א מאהל איז דער רבי ר׳ נחום געוועזען אין א שטאדט שבת פרשת וישב מיט זיינע חסידים, און דעם זעלבען פרייטיג האט א מענטש געבראכט א מתנה לכבוד דעם רבי׳ן איין „קארפאטווא” און ווען דער רבי איז געזעסען בייא דער סעודה פרייטיג צו נאכט האט איהם דער משמש געוואלט געבען די קארפאטווא צו עסען. נאר דער רבי האט געזאגט ער זאל איבער לאזען אויף שבת און דער פריא. האט דער משמש גענומען דאס עוף און האט עס אריין געשטעלט און איין פער שלאסען קעסטיל וואס איז געשטאנען אין זיין חדר און דעם שליסיל האט ער בייא זיך געהאלטען ווי עס איז געקומען האלבער נאכט איז דער רבי פליצלינג אויף געשטאנען און האט געך גערופען דעם שמש און האט איהם אויפגעוועקט האט ער זיך אבגעגאסען די הענד און געקומען צוא גיין. האט איהם דער רבי געהייסען אז ער זאל תיכף ברענגען דאס עוף. האט זיך דער שמש זייער פערוואונדערט וואס ער דארף יעצט האבען דאס עוף עס איז דאך אצינד ניט די צייט פון עסין ער האט געקלערט אז דער רבי האט מורא דאס עוף איז ניט בעהאלטען, האט איהם דער משמש געענטפערט איך אליין האב דאס עוף בעהאלטען און איך האב עס פערשלאסען און א קעסטיל און איך האב דעם שליסעל אויף איז דיא שטיב גיט פערשלאסען און די טירען זענען גאנץ, האט דער רבי אויף איהם אהנגעשריגען עס איז אצינד נישט קיין צייט צוא ווארטען נאר גייא געך און ברענג מיר תיכף דאס עוף אהן א שום תירוץ איז דער שמש זייער דערשראקען געווארין און איז געך געלאפען און חדר אריין וואס דאס עוף איז דארט געווען פערשלאסען

פערשלאסען, און וויא ער איז אריין גיקומען איז ער גיבליבען שטיין פאר ווינדערט וויא ער האט גיזעהן אז א קאטץ איז גישטאנען אויף דיא דעק פון קעססיל איז גיוועזן אפען און די קאטץ האט שוין אנגיהויבען צו עסען פון דעם עוף. האט דער שמש תיכף ארויס געיאגט די קאטץ און האט דאס עוף אהין גינימען צום רבי'ן האט דער רבי תיכף גינימען דאס עוף און האט אהן גיהויבען צו עסין דער פון אזוי ווי ער איז נאך גיזעסען אויף זיין בעט און האט אויף גיגעסין דאס עוף און גאנצען אפילו די ביינער און האט גאר גיט איבער גילאזט און בעוויל דער רבי האט גיזעהן אז דער שמש פערווינדערט זיך זייער אויף דערזאך האט איהם דער רבי גיזאגט קים וועל איך דיר דערציילין וועסט וויסען פאר וואס איך האב דאס גיטוהן זאלסט וויסען אז דאס וואס איך האב דיך גיהייסין איבערלאזין דאס עוף אוף שבת און דער פרי דאס איז בעוויל און דעם עוף איז גיוועזן אנשמה פון א חסיד וואס מען האט זי גידארפט מתקן זיין. איז דער חסיד (דער טויטער) צו מיר געקומען און האט מיך גיבעטין איך זאל עסין פון דעם עוף איך זאל איהם מתקן זיין. ע"כ וויל בענאכט בין איך גיוועזן מיעד בין איך נישט גיוועזן בכח איך זאל דאמאלסט די נשמה מתקן זיין האב איך דיך געהייסען די זאלסט עס איבער לאזען אויף אין דער פריא ביז איך וועל מיך אבריהין. נאר ווי עס איז געקומין האלבער נאכט איז צו מיר געקומין די נשמה פון דעם חסיד אין האט צו מיר געשריגען מיט זייער א ביטער קול פאר וואס איך האב אויף איהם נישט קיין רחמנות בעוויל ער האט ביז יעצט געליטען גרויסע יסורים ביז ער האט זוכה גיוועזן אריין צו קימען און איין ריין עוף און ער האט זוכה גיוועזן ער זאל צו מיר אהן קימען אין יעצט זאל ער דארפען אהן קימען אין דעם מויל פון א טמא באשפעניש וואָרין עס שטייט א קאטץ און עסט זיין פלייש און נאך און א קליינע צייט וועט זי איהם און גאנצין אויף עסען וועט ער דאך ווידער נישט האבען קיין תקנה. בין איך דאמאלסט תיכף אויף געשטאנען און האב גמוזט אויף עסין דאס גאנצע עוף בשעת איך בין נאך גיזעסען אויף מיין בעט אפילו אהן מיינע מלבושים בעוויל איך האב מורא גיהאט אז די קאטץ וועט אויף עסען דאס עוף איבער דעם האב איך געמוזט אויף עסען דאס עוף מיט די ביינער אפילו די דיירע, בעוויל מיט דעם וואס די קאטץ האט נאר א ביסיל בינעסין פון דעם פלייש האט זי דער נשמה גיטיהן א גרויסע רעה, ע"כ האב

איך

איך גימיזט מתקן זיין די צווייי זאַכען מיט דעם וואָס איך האָב געגעסין דאָס עוף תיכף ווען איך בין גיזעסען נאָך אויף מיין בעט און מיט דעם וואָס איך האָב גיגעסין אַפילו די ביינער, יעצט ליבער לעזער זעה זוי ווייט א מענטש דאַרף זעהן ער זאָל מתקן זיין זיינע מעשים כל זמן ער לעבט נאָך אויף דער וועלט און אויך ווי ווייט דער כח פון די צדיקים איז גרויס אזוי זאָלען מיר זוכה זיין מיר זאלען האָבען א תיקון אויף דער וועלט אכי״ר :

אַ ווּנדערליכֶע גֶעשִׁיכטֶע פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל מֵרוּזִין זי״ע :

אין דער צייט ווען דער ריזינער האָט גיוואָהנט אין דער שטאָדט סקאָלאָ א קליינע צייט איידער ער האָט זיך בעזעצט אין סאַדיגורא האָט ער געפרעגט די מענטשין פון דער שטאָדט סקאָלא וואָס זענען פאַר איהם געשטאַנען אויב עס איז דאָ אין דער שטאָדט א אַלטער מאַן וואָס ער האָט געזעהן דעם בעש״ט. האָבין זיי איהם גיענטפערט עס איז דאָה פאַרהאַנדען א זקן וואָס ער האָט גיזעהן דעם בעש״ט, האָט דער רבי צו זיי געזאָגט איך וואָלט זייער גיוואָלט ער זאָל א הער קימען, זענען די חסידים איהם געגאַנגען רופען ער זאָל גיין צום רבי׳ן, האָט דער זקן נישט געוואָלט גיין, האָבען די שלוחים געזאָגט דעם רבי׳ן אַז ער וויל נישט גיין, און א צוויי אָדער דריי טאָג אַרום האָט דער רבי צו זיי געזאָגט איך וואָלט זייער געוואָלט אַז דער זקן זאָל אַהער קימען, זענען זיי נאָך אַ מאָהל איהם גיגאַנגען רופ׳ן און האָבין איהם געזאָגט אַז דער רבי פערלאַנגט איהם צו זעהן דעריבער זאָל ער זיך מטריח זיין, האָט ער דאָס צווייטע מאָהל אויך נישט גיוואָלט גיין, און עטליכע טעג אַרום, האָט דער רבי צו זיי נאָך אַ מאָהל געזאָגט אַז ער וויל זייער דער זקן זאָל צו איהם קומין זענען די חסידים גיגאַנגען צום זקן און האָבען איהם גיבעטען אז ער זאָל גיין צום רבי׳ן, און אַז ער וועט נישט וועלין, וועלין זיי אים נעמין איבער דאַנק, איז דער זקן מיט זיי גיגאַנגען צום רבי׳ן האָט ער גיגעבין שלום דעם רבי׳ן און האָט איהם גיזאָגט, עס זאָל איך נישט פער דרוסין. פאַר וואָס איך האָב צו אייך נישט געוואָלט קומין ווייל איך קען מיך נישט מקרב זיין צו קיין שום צדיק ווייל איך האָב אליין גיזעהן מיט מיינע אויגין אַז מ׳

האָט

האט לעבעדיג גימאכט א טויטען ווי אזוי קען איך מיך מקרב זיין צו א אנדערן צדיק א חוץ דעם בעש"ט. האט ער דערציילט די מעשה און דעם דארף וואס איך האב גיוואוינט איז גיוועזן א מילנער ביי א מענטש וואס האט געהאט א מיהל אין דארף, דער בעה"ב פון דער מיהל איז גיוועזן א נגיד ער פלעגט צייטען ווייס פאהרען צום בעש"ט דעם מילנער'ס ווייב און זייער שלאף גיוואהרען איז דער מילנער גיקומען צו דער בעה"ב און האט איהם גיבעטען ער זאל איהם געבען דעם וואגען ער זאל פאהרען קיין מעזיבוז צום בעש"ט איז דער ראנדאר פון דער מיהל בעשטאנען און האט איהם גיגעבען רשות ער זאל נעמען זיין וואגען. און זאל מיט איהם מיט פאהרען האט ער אויף דעם אויך בעשטאנען, און זיי זענען ביידע געפאהרען צום בעש"ט און האבען איהם גיבעטען אז ער זאל מיט זיי פאהרען צו דער שלאפער היילין זי. איז דער בעש"ט צו זיי איבער געבעטען גיווארען צו פאהרען מיט זיי ווי זיי זענען גיקומען און דארף אריין זענען ארויס גיקומען דעם מילנער'ס קינדער א קייגען איהם האבען איהם דערציילט אז זייער מיטער איז גישטארבען און זיי האבען זי גיליגט אויף דער ערד, דער בעל שם טוב איז פון דעם גאר נישט נתפעל גיווארען נאר ער איז אריין גיגאנגען און זיין חדר אריין וואס מען האט איהם אבגיזיינדערט האט ער אריין גירופען דעם מילנער און האט איהם בעהייסען ער זאל גיין צו זיין טויט ווייב און זאל איר איינראמען אין אויער אריין מיט דיזען לשון. רבקה. (אדער איין אנדערן נאמען) שטיי אויף און קאך אפ וועטשערע ווייל מיר האבען א טייערן גאסט דער רבי ר' ישראל בעש"ט. דער מילנער האט דאס אלעס מקיים ביוועזן. אין האט איינגערוימט אין זיין ווייבס אויער אריין די דאזיגע רייד. אבער זי האט זיך נישט גירירט מיט קיין שום אבר. דער מילנער איז צוריק גיקומען צום בעש"ט מיט אגרויס גיוויין אז עס האט גאר נישט גיפועלט, האט איהם דער בעש"ט נאך א מאהל געזאגט אז ער זאל גיין איינרוימען זיין טויט ווייב די דאזיגע רייד. האט דער מילנער אזוי געטוהן דאס צווייטע מאהל. אין זי האט נישט גירוהט פון איהר ארט מיט קיין שום אבר, האט איהם דער בעש"ט געשיקט דאס דריטע מאהל אז ער זאל איהר איינרוימען דיזע רייד, אין ביי דעם סוף זאל ער איהר זאגען מיט דיזען לשון. אויב די וועסט נישט גלייך שטיין וועל איך דיך שלאגען מיט מיין שטעקען וואס איז און מיין

האנד

האַנד עס איז אַזוי גיוועזן. ער איז גיגאַנגען אין האט איהר איין געדרימט אין אויער דאָס דריטע מאָהל די זעלביגע ווערטער און ער האָט אַזוי גיקאָנטשיט ווי דער בעש"ט האָט איהם געהייסען. איז אין איהר תיכף אַריין אַלעבידיגער אָטים, האָט זי זיך אויף געהויבען פון איהר גילעגער אין זי האָט זיך אויס גיווישט איהרע אויגען אַזוי ווי איינער הייבט זיך אויף פון שלאָף אין זי איז גיגאַנגען אָב קאָכען וועטשערע. דאָס אַלעס האָב איך גיזעהן מיט מיינע אויגען תחית המתים ממש. ווי אַזוי קען איך מיך מקרב זיין צו אַ אַנדערין צדיק? האָט דער ריזינער גיעפינט זיין הייליג מויל אין האָט געזאָגט צום זקן. איך וועל אייך אויך דערציילין אַ ווינדערליכע מעשה פון מיין זיידען דער גרויסער מגיד פון מעזריטש, איין מענטש איז גיוועזן וואס ער האָט געהייסען משה. ער איז גיוועזן אַ עושר און אַ איש מצליח ער פלעגט פאָהרען צו מיין זיידין דער רבי בער ז"ל. אַמאָהל איז ער גיוואָרען אַ יורד. ביז ער איז גיוואָרען אַגרויסער אָרימאַן רח"ל איז ער געקומין צו מיין זיידין ער זאָל איהם דערציילין זיינע אַלע צרות. האָבען איהם די גבאים נישט געלאָזט אַריין גיין, ווייל ער איז יעצט געקומען מיט ליידיגע הענד. ער האָט זיי גאר נישט געהאַט צו געבין. האָט ער גענומען אַ עצה פון די חסידים וואָס זיי האָבען פון לאַנג איהם שוין גיקענט, אַזוי האָבען זיי איהם געזאָגט, מאָרגען וועט זיין אַ ברית מילה. אין דער בעל ברית האָט מכבד גיוועזן דעם רב מיט סנדקאות. מסתמא וועט דער רבי זיין אויף דעם ברית מילה. דאַמאָלס וועט זיין אַרעכטע צייט די זאָלסט אַריין גיין אין בעהאַלטען דיך אין דעם רבינ'ס חדר. אין די וועסט דאָרט ווארטען ביז ער וועט קומען פון דעם ברית מילה און ער וועט אַריין גיין אין זיין חדר אַריין דאַמאָלס וועסטו קענען פאַר איהם קומין אין זאָלסט איהם דערציילין דיין בקשה אין דעם דוחק, עס איז אַזוי געווען צו מאָרגינס איז דער רבי אַרויס געגאַנגען פון זיין חדר אויף דעם ברית מילה איז ער אַריין גיגאַנגען אין רבינ'ס חדר אַריין אין האָט זיך בעהאַלטען, ווי דער רבי איז צוריק געקומען אין זיין חדר אַריין, איז דער משה געקומען פאַר דער רבי'ן אין האָט זייער געוויינט פאַר איהם אין האָט איהם דערציילט זיין דוחק אין זיין צער. האָט איהם דער רבי גיענטפערט ער ג' זאָל דינגען אַ קרעטשמע און השי"ת וועט איהם אין דעם העלפען, האָט ער געזאָגט מיט וואָס וועל איך דינגען מיט די ליידיגע הענד, וואָס איך האָב אפילו נישט אויף הוצאה.

אויפן וועג, בפרט צו דינגען אזא גישעפט דארף איך האבען עטליכע הינדערט רובעל אויף אראטע אין צו קויפען בראנפען, האט איהם דער רבי נאך א מאהל געזאגט, איך ראהטע דיך צו גיטען אז די זאלסט דינגען אקרעטשמע אין השי"ת וועט העלפען, האט דער רבי גיגעבען א זילבערנע מטבע אין האט איהם גיגעבען אויף הצלחה, ער האט זיך מיט דעם רבי'ן אבגעזעגענט אין דער רבי האט איהם גיבענטשט מיט הצלחה. דער משה איז ארויס געגאנגען פון דעם רבי'ן אין מארק ארייַן, ער איז גיוועזן פאר אורט און דעם רבינ'ס רייד וואס ער זאל טוהן אין ווי אהין ער זאל פאהרען. האט ער זיך געשטארקט אין זיין אמונה, אין ער איז געגאנגען אויף דעם ארט ווי וועגען שטייען, האט ער גיזעהן אז א וואגען שטייט גרייט אוועק צו פארען. האט ער געפרעגט דעם בע"ג ווי אהין ער פאהרט האט איהם דער בע"ג גיענטפערט איך פאהר אויף דעם ארט. האט דער משה גיפרעגט דעם בע"ג אויב ער וועט איהם אויף נעמען אין דער שטאדט אריין, האט איהם דער בע"ג מסכים געוועזן דערויף פאר ווייניג געלד, איז ער גיפארען, נאר ער האט אליין נישט געוויסט נאך וואס ער פאהרט אהין, נאר ער האט גיגלייבט אין זיין רבינ'ס ברכה, אז דארף דעם וועט איהם השי"ת ווייזין דעם רעכטען וועג. אזוי ווי ער איז געפאהרען האט ער גיזעהן פון ווייטינס אז ביי א קרעטשמע שטייען פיהל מענטשען מיט וועגען האט ער גיפרעגט דעם בע"ג נאך וואס זיי שטייען דארט האט דער בע"ג גיענטפערט, די קרעטשמע איז נישט ריין, עס איז און איהר פערהאנדין שדים מיט בייזע רוחות עס איז שוין וויפיל יאהר וואס זי שטייט שוין ליידיג עס וואהנט דארט נישט קיין שום מענטש, ווייל עס זענען שוין אין איהר פיהל מענטשען גישאדינט גיווארען ווען זיי האבען דארט גיוואהנט דעריבער אנטלויפט יעדער עס ווייל זי קיינער נישט דינגען, דארט שטעלען זיך די בע"ג אפ ריהען א קליינע צייט, האט משה געזאגט איך וויל דינגען די קרעטשמע ביי דעם פריץ. האט זיך דער בע"ג פון איהם אויס גילאכט אין האט איהם גהאלטען פאר א משוגענעם נאך דעם ווי ער האט שוין דערציילט אז עס דא שוין גישאדינט געווארען פיהל מענטשען, אויף פאדליג ווי עס זעהט אוי"ס איז ער א ארימאן, ווי זיי זענען אהן געקומין, האט דער בע"ג געזאגט צוא די גוים וואס זענען דארט געשטאנען מיט א גילעכטער איך האב אייך גיברענגט א יוד וואס ער וויל דינגען די קרעטשמע האבין די גוים גיפרעגט

משה'ן

משה'ן אויב עס איז אמת אַזוי ווי דער בע"ג זאָגט אַז די ווילסט דינגען, האָט משה געזאָגט עס איז אמת איך וויל דינגען די קרעטשמע, האָבען זיי איהם באַלד אַריין געפיהרט צום פריץ, איז משה אריין געקומען צום פריץ, ער האָט געקאָנט גיט רעדען פויליש, ווייל ער איז ביז יעצט גיוועזען אַ גרויסער סוחר האָט איהם דער פריץ זייער אָרענטליך אויף גענומען, און האָט איהם געפרעגט עס איז אמת אַז די ווילסט דינגען די קרעטשמע, האָט ער געענטפערט עס איז אמת, האָט דער פריץ געזאָגט איך וועל דיר נישט פערלייקענען אַז פיהל מענטשען וואָס האָבען דאָ געוואָהנט זענען שוין געשאָדיגט געוואָהרען דעריבער שטייט זי ליידיג אָהן אַ איינוואָהנער, האָט משה געזאָגט איך פערזיכער מיך אין השי"ת אַז ער וועט מיר העלפען און מציל זיין מיך פון אַלערליי היזקות ח"ו, און דיר פריץ גיב איך אַ דאַנק פאַר וואָס די האָסט די זאַך פון מיר נישט פערבאָרגען נאָר איך האָב נישט קיין מורא פאַר קיין שום שלעכץ, זאָג מיר וויפיל די ווילסט אַ יאָהר שכירות, דער פריץ האָט זיך אויף דעם פערווינדערט דען ער האָט געזעהן אַז דער יוד איז אַזוי שטאַרק און זיין דעה, האָט איהם דער פריץ געזאָגט, גיט איך וועל זי דיר פערדינגען פאַר וואָלוויל געלד ווי די ווילסט, טאָמער האָסטו יעצט נישט קיין געלד צו בעצאָהלין אַראָטע אין צו קויפען בראָנפען, וועל איך דיר דאָס אַלעס לייען, און די וועסט מיר ביסליך וויס בעצאָהלין איבערען יאָהר, האָט איהם משה געזאָגט איך וואָהן מיט מיין בני בית וויט פון דאַנען, דעריבער בעט איך דיך די זאָלסט מיר געבען וועגין צו מיר אהיים איך זאָל אהער נעמין מיין בני בית אויך מיינע כלים אַהער ברענגען, איז דער פריץ אויף דעם אויך בעשטאנען און האָט איהם גיגעבען וועגען. איז דער משה אהיים געפאָהרען און האָט גענומען זיין בני בית מיט די כלים און האָט זיי אַהער געבערענגט און ער האט זיך באַזעצט אין דער קרעטשמע ער האָט דאָרט געוואָהנט בשלום אהן אַ שום שלעכט טרעפינג ח"ו, דער פריץ האט דער פון זייער תענוג געהאַט, און משה האט מצליח גיוועזן ווי ער האט זיך גיקערט ער האט דעם פריץ בעצאהלט אַלע זיינע חובות. און ער איז אין דער קרעטשמע רייך געוואהרען דער פריץ האט איהם זייער ליב געהאַט. ווייל ער האָט גיזעהן זיין חכמה און זיין בעגלייבטקייט קייגען דעם פריץ אַלע גישעפטען פון דעם פריץ זענען דאָרך איהם גיפירט געוואָהרען דעם גיזעצטער פון דעם פריץ האָט

זיך מקנא גיוועזן אין דעם יוד ער איז איהם געוואָהרען א בליט שונא ווייל ער האָט גיזעהן אַז דער פריץ האָט דעם יוד ליבער פון איהם. האָט ער פערבאָרגען די שנאה אין זיין האַרץ אין האָט עס קיינעם נישט ערציילט:

אַמאָהל האָט זיך געטראָפען אַז דער פריץ האָט גערופען משה׳ן אין האָט צו איהם געזאָגט. איך וויל אָפּ שטעלין אָקסען אין מיינע גיראָלניס אַריין צו שטאָפּען פיהל אָקסען, ווייל איך האָב דיך געפינען פאַר אַ בעגלייבטען דעריבער גיב איך דיר סך הכל פיפציג טויזענד רו״כ די זאָלסט פאָהרען אין דער שטאָדט אַריין אויף דעם גרויסען יריד וואָס עס וועט זיין אין דער צווייטע וואָך די זאָלסט דאָרט קויפען אָקסען אין זיי אַ הער ברענגען. מסתמא וועל איך דיר בעצאָהלען שכר טרחא ווי עס געהער צו זיין איך בין מיך סומך אויף דיין מבינות די ביסט ביי מיר חשובער פין מיין גיזעצטען. עס איז אַזוי גיוועזן. משה האָט צו גענומין דאָס געלד ביי דעם פריץ. איז ער אַיהיים געגאַנגען אין האָט דאָס ערציילט זיין ווייב. אין אַז ער דאַרף זיך פאָרברייטיג מאַכען צום פאָהרען. האט איהם זיין ווייב אַ עצה געגעבען אין האָט צו איהם געזאָגט. מיין ווילין איז אַז די זאָלסט אויף שבת פאָהרען קיין מעזריטש צום רבי׳ן אין ער זאָל דיך בענטשען, דער נאָך וועסטו פאהרען אויף דעם יריד קויפען די אָקסען האָט ער אַזוי געטוהן ווייל איהר עצה איז איהם גיפעלין, דער געזעצטער דאָרף דער גרויסער קנאה אין שנאה וואָס ער האָט זיך מקנא גיוועזן אין דעם משה׳ן. האָט ער אויף איהם גיקלערט אַ בייזע מחשבה צו האַרגינען איהם אין צו מאַכען פאַרלירין איהם, האָט ער גערופען דריי גוים פון זיין דאָרף אין האָט זיי געזאָגט, דעם משה האט איהם דער פריץ גיגעבין 50 טויזענד רו״כ ער זאָל פאָרען אויף דעם יריד צו קויפען אָקסין, אין איך האָב איהם זייער פיינד דעריבער וועל איך געבען צוויי הינדערט רובל אַז איהר זאָלט גיין און דעם וואַלד אַריין, און איהר זאָלט דאָרט אויף איהם וואַרטען אַז ער וועט דאָרך פאהרען זאָלט איהר אויפשטיין אויף איהם און הרג׳נען איהם אָהן רחמנות און דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט גינימען ביי דעם פריץ זאָלט איהר אייך נעמין פאַר אַ מתנה, נעמט אייך מיט עסין אויף אַ צוויי דריי טעג מיט כלי משחית איהר זאָלט דארט אויף איהם וואַרטען צו הרג׳ינען איהם. האָבען זיי אַזוי גיטוהן, משה האָט געהאָרכט זיין קליג ווייב׳ס עצה און איז גיקומין

צו

צו זיין רבי'ן מיטוואָך קיין מעזריטש, האָט ער און זיינען געהאַט אַז ער זאָל זיך אָבפּאַרטיגען ביי דעם רבי'ן נאָך פאַר שבת און ער זאָל דאָרט זיין איבער שבת און תיכף מוצש"ק זאָל ער זיך פאָהרען זיין וועג, ווייל דער יריד וועט תיכף זיין נאָך שבת. דער רבי פון מעזריטש האָט גיזעהן ברוח הקודש אַז משה פאָהרט צו איהם האָט ער גירופען זיינע משמשים און האט זיי שטאַרק גיוואָרינט אַז זיי זאָלען דעם משה'ן נישט לאָזען אַריין גיין צו איהם ביז זיי וועלען פריער בּעמין רשות פון דעם רבי'ן, ער האָט אַ פערבאָרגענעם טעם אפילו ער וועט זיי זייער בעטין און וועט זיי וועלען געבען אַ שיינע סוממע געלד זאָלען זיי איהם נישט לאָזען אַריין גיין צום רבי'ן אָהן רשות אויף קיין שום אופן און דער וועלט דער משה איז גיקומען צום רבי'ן האט ער זיך בעיאָגט און האָט גיוואלט אַריין גיין צום רבי'ן תיכף אַזוי ווי ער איז גיקומען, האָבען איהם די משמשים נישט געלאָזט אַריין גיין. האָט ער זיי גיבעטען און האָט זיי גיוואָלט געבען אַ גרויסע מתנה האָבען זייא נישט גיוואלט נעמען און זיי האבען איהם ערציילט אַז זיי זענען אַזוי גיבאָטען גיוואָרען, דער רבי האָט איהם נישט גיגעבען קיין רשות אַריין צו גיין ביז שבת אויף נאָך שבת, נישט זינטיג און נישט מאָנטיג ביז דינסטיג, עס האָט איהם ניט געפּוֹעלט קיין שום בעטען, פער שטייט זיך אַז ער האט דער פון געהאַט גרויס עגמת נפש. דינסטיג האָט מען איהם גיגעבען רשות אַריין צו גיין צו רבי'ן. דער משה האָט דיא משמשים פער מסרת פאַר דעם רבי'ן אַז זיי האָבען איהם נישט גילאָזט אַריין גיין צום רבי'ן און ער האָט נישט קיין צייט ער זאָל זיך דאָ אויף האַלטען ווייל ער וועט פערשפעטיגען דעם יריד האָט איהם דער רבי גיטרייסט מיט דיזען לשון, די זאָלסט גאָר נישט קיין מורא האָבען פאַר דעם די וועסט פון דאַנען פאָהרען און דער שטאָדט אָדער און דער צווייטע שטאָדט וועסטו דאָרט אויך קויפען גיטע אָקסען אַזוי ווי דיא וו לסט. און אין אַ גלייכען מקח עס איז אַזוי גיוועזן ער איז גיפאָהרען און דער שטאָדט אַריין וואָס דער רבי האָט איהם גיזאָגט. און ער האָט דאָרט גיקויפט אָקסען זייער גוטע, אויף אַ גיטען מקח. און איז אַ היים גיפאָהרען בשמחה. ווי ער איז אַהיים גיקומען איז איהם דער פריץ אַ קייגען גיגאַנגען בשמחה, ווייל ער האט גיזעהן אַז ער האט גיקויפט גיטע אָקסען און גרויסע אויף זייער אַ בּידעריגען מקח ער האָט איהם נאָך צוריק גיגעבען אַ סאַך געלד, אַזוי ווי זיי האָבען גירעדט זענין

זענען אָהן גיקומען די דריי גוים וואָס דער גיזעצטער האט זיי גישיקט און זייא האָבען דאָרט אויף איהם גיוואַרט לסוף איז ער דארטען נישט דאָרך גיגאַנגען אַזוי וויא זיי האָבען גיקלערט, ווייל דאָרך דעם וואָס דער רבי האָט איהם אויף גיהאַלטען עטליכע טעג דערנאָך האָט ער איהם גיהייסען פאָהרען אויף אַ אַנדערין וועג דרובער איז ער גיפאהרען דאָרך אַ אַנדערען וועג און ער איז אהיים גיקומען בשלום אָהן אַ שלעכט בעגעגעניש דיא דרייא גוים זענען גיקומען האבען זיי גיזעהן אַז דער משה שטייט, און רעד מיט דעם פריץ מיט אַ גרויס ליבשאַפט, און דער פריץ לויבט דעם יוד אַז ער האָט איהם גיקויפט גיטע אָקסען און וואָלוועל. דער גיזעצטער איז דאָרט גישטאַנען און האָט אויס גיהערט און גישוויגען, האָבען די גוים דערציילט דעם סוד און האָבען צו איהם אַזוי געזאגט מיט דיזען לשון, דיא ביסט מחויב צו לויבען צו השי״ת אויף דעם וואָס ער האט דיך מציל גיוועזן פון אינזערע הענד פאַר וואָס דער גיזעצטער האָט דאָך איבז גידינגען און האָט איבז בעצאָהלט שכר טרחא צווייא הינדערט רובעל מיר זאלען דיך הרג׳ינען ווען דיא וועסט דאָרך גיין דאָרך יענעם וועג. איז דער משה דערפין זייער דערשראָקען גיוואָרען אויף דער פריץ איז אויך דער שראקען גיוואָרען, דער גיזעצטער האָט דאס אַלעס נישט גיקענט פער לייקינען, מסתמא האָט מען איהם בעצאָהלט זיין שכר און באַנצין אַזוי ווי ער האָט גיוואָלט טוהן. מיט דעם איז משה׳ן פערענטפערט גיוואָרען פאַר וואָס דער רבי האָט איהם ביי זיך אויף געהאַלטען דיזע עטליכע טעג, ווייל מיט דעם האָט ער איהם מציל גיוועזן פון טויט אונ ער האטגילויבט השי״ת דערויף, דאָס אַלעס האָט דער רבי דערציילט דעם זקן די פאַרכטיגע מעשה, זייער זכות זאל איבז בייא שטיין ולכל ישראל אמן:

און דיזע נעשיכטע ווערט ערציילט ווי גרויס עס איז אז מען טוהט תשובה:

און לעמבערג איז גיוועזן אַ שניידער וואָס ער איז נישט גיוועזן קיין

גוטער בעל מלאכה. האָט ער נישט פאַרדינט אויף דער פרנסה, האָט איהם זיין יצר הרע איבער גירעדט. אין ער האָט זיך גישטעלט אין איין הויף ביי אַ פריץ ער פלעגט קענען זאָגען ווערטליך ליצנות דער הויף איז געוועזען לעבען לעמבערג. פלעגט ער צו קומען אין הויף אריין אין האָט געזאָגט ווערטליך פאַר דעם פריץ אין זיין בני בית האָבען זיי פון דעם זייער פיהל הנאה געהאַט אין האָבען זייער געלאַכט פאַר דעם האָבען זיי איהם גיגעבין צו עסען אין צו טרינקען בענאַנד מיט זיי טרפות ר״ל. און איין עבירה שלעפט דאָך צו איין עבירה ביז ער האָט עובר גיוועזן אויף דער גאַנצער תורה אין ער איז געוואָהרען איין משומד. פיהל וואָכען פלעגט ער גישט אַ היים קומין נעכטיגען, אפילו אַז ער איז אַמאָהל אַ היים געקומין פלעגט איהם זיין כשר ווייב צו שטראפען האָט ער זי געשלאָגען אין גישאָלטען. אַ מאָהל איז ער גישטאַנען אין דעם הויף פון דעם פריץ פרייטיג אין מיטען טאג, אין איין קרעטשמע איז גיוועזען אינטער דעם הויף, האָט דער שניידער גיזעהן אַז עס איז געקומין צו דער קרעטשמע איין וועגילע מיט דריי מענטשען אויך האָט ער געזעהן אַז זיי זענען אַלע אריין געגאַנגען אין דער קרעטשמי אַריין. אונד האָבען אַרייגענומין די זאַכען פין דעם וואָגען אין שטיב אַריין האָט ער פערשטאַנען מסתמא איז דאָה געקומין אַ גוטער יוד מיט זיינע משמשים איז ער אַריין געגאַנגען צו זיין פריץ אין האָט איהם געזאָגט ער זאָל איהם געבין אַ קוויטיל צום ארינדאַר ער זאָל איהם לאָזען עסען איבער שבת, ווייל ער האָט געוויסט אָהן אַקוויטיל פון פריץ וועט איהם דער אַרענדאַר נישט אַריין לאָזען, ווייל דאָרך זיינע מעשים איז ער געוועזען מבוזה ביי יעדען. האָט איהם דער פאָריץ גיפרעגט נאָך וואָס ער וויל אַהין גיין אויף שבת צו פעהלט דיר דען דאָ צו עסען, האָט ער איהם גיענטפערט, איך האָב געזעהן אַז עס איז אַהין געקומין אַ רבי מיט זיינע משמשים, ע״כ וויל איך אַהין גיין איך זאָל דאָרט זיין שבת וועל איך אייך ברענגען פיעל ווערטליך אין ליצנות דורך דעם וואָס איך וועל דאָרט זיין וועל איך אייך דערציילין איהר זאָלט הנאה האָבען, די זאַך איז זייער גיפעלין דעם פריץ מיט דער פרוצה האָבען זיי אים גיגעבין אַ קוויטיל צום אַרינדאַר ער זאָל איהם נעמען אויף שבת. דער שניידער האָט געברענגט דאָס קוויטיל צום אַרינדאַר האָט ער איהם גענימין אויף שבת חאָטש עס איז נישט גיוועזן מיט זיין גאַנצען ווילין דער אמת איז טאַקי געוועזן אַז עס

איז

אין אַהין געקומען אַ גוטער יוד מיט זיינע משמשים זאָלען דאָרט זיין שבת. זיי האָבען געדאַווינט ביי נאַכט מעריב פון שבת מיט אַ מנין אין זיי האָבען זיך געזעצט עסען די סעודה פון שבת נאָך דעם קידוש ווי דער מנהג איז דער אַרענדאַר דער בעל הבית האָט גיזעצט די מענטשין ביי זיין טיש ווי ער האָט פערשטאַנען, דער שניידער איז געזעסען אין עק טיש פינקט אַ קייגען דעם רבי׳ן וואָס ער איז אויבין אָהן. דער רבי איז אָבער געווען אַגרויסער צדיק האָט ער גיזעהן אַז דער שניידער איז אַגרויסער זינדיגער. האָט ער אָהן געהויבען צו זאָגען תורה ביי דעם טיש אין ער האָט נישט געזאָגט דאָס ענין פון דער סדרה וואָס איז די וואָך געגאַנגען נאהר פון ענינים פון עבירות אין ער האָט פער מיאוס׳ת די וואָס טוהן די עבירות. אין ער האָט די זאַך לאַנג בעשמיסט, די אַלע וואָס זענען געזעסען ביי דעם טיש איז דאָס געווען אַ פלא פאַר וואָס דער רבי זאָגט נישט תורה פון דער סדרה נאָהר ער רעהד באָהר פון עבירות אויך און דער פריא מען האָט אָב געגעסען האָס דער רבי אַלץ געקיקט אויף דעם שניידער וואָס איז געזעסען אין עק טיש אין האָט געשמיסט פון עבירות וואָס פאַר איין עונש עס קימט פאַר אַ הארבע עבירה אין וואָס פאַר איין עונש עס קומט פאַר אַ גרינגע, אין ביי שלש סעודות האָט ער אויך באָהר געשמיסט וועגען עבירות דער נאָך האָבען זיי געקאָנטשיט די סעודה אין האָבען גיבענטשט אין געדאַווינט מעריב. דער נאָך האָט מען געמאַכט הבדלה. איז זיך דער רבי אַריין געגאנגען אין זיין חדר אַריין וואָס מען האָט איהם אָפ געגעבין. אין אַלע זענען זיך אַוועק געגאַנגען. דער שניידער איז פון דאָרט נישט אַוועק געגאַנגין אין דעם פריק׳ס הויף אַריין עס זאָל דאָרט זאָגען ווערטליך ווי ער האָט זיי צו געזאָגט דען דעם רבינ׳ס ווערטער זענען איהם אַריין גיגאַנגען אין הארץ אַריין, אין עס האָט אָנגעהויבען צו שפראָצען און איהם אַ ניצוץ פון תשובה און ריינקייט און חרטה אויף אַלע זיינע עבירות וואָס ער האָט גיטוהן, איז ער אַריין גיגאַנגען אין חדר פון רבי׳ן אונ האָט זייער גיוויינט און גיזיפצט און ער האָט גיזאגט איך ווייס גאַנץ גוט אַז אַלעס וואָס איהר האָט גיזאָגט און אייער תורה גאַנץ שבת איז נישט גיוועןנ באָר דאָרך מיר איך האָב טאַקי עובר גיוועןן אויף די עבירות וואָס איהר האט אויס גירעכענט נישט איינמאָהל האָב איך עובר גיווען מיט׳ן גאַנצען הארץ, און איך וויל אַז

איהר

איהר זאָלט מיר אַרויס געבען איין אמת'ע תשובה איך בין אָהן גיבריים איך זאָל אויף מיר נעמען אַלערליי מיני פייניגונג און יסורים וואָס איהר וועט אויף מיר גוזר זיין:

ווָא דער רבי האָט גיהערט אַז ער איז אַ גרויסער בעל עבירה וויא ער האָט אַליין מודה גיוועזן האָט ער זיך נישט גיגלייבט אַז דער שניידער זאָל וועלען תשובה טוהן ווייל ער איז שוין אַזוי פער זינקען אין די עבירות רח"ל נאָהר ווייל ער האָט איהם נישט גיקענט אין גאַנצען אָבזאָגען האָט ער איהם גיזאָגט אַז ער זאָל פאַסטען עטליכע טעג, ווי דער שניידער האָט דאָס דערהערט האָט ער אָנגיהויבען צוא שרייען פאַר דעם רבי'ן און האָט גיזאָגט איך פערשטייא ניט אַז אייער תשובה איז נישט באמת נאהר כדי איהר זאלט מיך נאָר אַוועק פאַטערין ווארום פאָדליג ווי איך פערשטיי אַז איך האָב עובר גיוועזן אויף דיא האַרבסטע עבירות פיהל מאָהל איז אייער תשובה נישט קיין אמת'ע תשובה אויף מיינע עבירות, איך זאָג אייך דעם אמת אַז איך וויל מקיים זיין די האַרבסטע תשובה כדי עס זאָל מיר פאַרגעבען ווערען אויף מיינע אַלע זינד און ער האָט האט זייער גיוויינט מיט זיין פער ביטערט האַרץ. ביז דער רבי האָט גיזעהן אַז ער נעמט אויף זיך און אמת'ן תשובה צו טאָהן האָט איהם דער רבי גיענטפערט יעצט וועל איך דיר זאגען דעם אמת. פריער האָב איך נישט גיגלייבט אַז דיא ווילסט תשובה טוהן אין יעצט זעה איך אַז די קערסט ווידער צו השי"ת מיט'ן גאַנצען האַרץ, איז דאָס דיין תשובה די זאָלסט מקבל זיין אויף דיר דיא זאָלסט פאַסטען פון איין שבת צום אַנדערין אַ גאַנצע וואָך, און זאָלסט נישט אויפהערען צו פאַסטין ביז מען וועט דיר מודיע זיין פון הימיל דיא זאָלסט אויף הערען צו פאַסטען, און כל זמן מען וועט דיר נישט מודיע זיין זאָלסטו נישט אויפהערען צו פאַסטען און דיא זאָלסט פאַסטען פון איין שבת צום אַנדערין אַז די וועסט דאָס מקיים זיין וועסטו האָבען אַ כפרה אויף אַלע דיינע זינד אין ער האָט אויף זיך גינימען מיט'ן גאַנצען האַרץ מקיים צו זיין. און תיכף זינטיג און דער פריא איז ער נישט גיגאַנגען און הויף אַריין ער זאָל זאגען זיינע ווערטליך, וואָרען ער איז גיוואָרען איין אַנדערער מענטש און ער האט אויף זיך גינימען צו פאַסטען פון שבת צו שבת אַזוי ווי דער רבי האָטאזיהם געהייסען, און ווייל ער האָט נישט גיהאַט איין בעזינדער אָרט ער זאָל דאָרט זיין אַ גאנצע וואָך ביז שבת עס זאל איהם קיינער נישט שטערין

שטארבען אין דעם פאסטין, האט ער זיך מיישב גיווען און איז
בעגאנגען קיין לעמבערג אין בית המדרש אריין ער זאל דארט
דאווענען שחרית אין האט זיך פער זאמט לענגער פון די אלע וואס
האבען דארט געדאווינט. ווייל ער האט אין זין געהאט ער זאל נישט
גיין א היים. איז געקומען דער שמש פון בית המדרש אין האט איהם
בעזאגט ער זאל אב דאווינען אין ארויס גיין פין ביהמ"ד ווייל ער
דארף פערשליסען ווי זיין שטייגער פלעגט צו זיין שטענדיג, האט ער
גיענטפערט דעם שמש אז ער האט אויף זיך מקבל געווען צו פאסטען
איין גאנצע וואך ביז שבת וועל איך נישט גיין א היים נאר איך וועל
דא זיין א גאנצע וואך איך האב נישט קיין מנוחה אויף קיין שום ארט
נאהר אין דעם בית המדרש איבער דעם בעט איך אייך איהר זאלט
מיך דא לאזען זיין אין ביהמ"ד אגאנצע וואך, אזוי זאלט איהר אייך
נוהג זיין מיט מיר. אלע טאג פון דער וואך זאלט איהר מיך פערשליסין
אין דעם שטיבל וואס אינטער דעם בעלעמיר כדי עס זאל קיינער
נישט וויסען פין מיר אין נאך מעריב אז יעדער וועט אהיים גיין זאלט
איהר מיך ארויס נעמין פון מיין חדר אין ביהמ"ד אריין איך זאל קענין
טוהן מיין בעדערפעניש אין איך זאל אויך א ביסיל שלאפען ביז עס
וועט טאג ווערען אין אז עס וועט נאהר טאג ווערען אז איהר וועט
[illegible] עפינען דאס ביהמ"ד וועל איך אריין גיין אין דעם חדר וואס איז
[illegible] ר דעם בעלעמיר אין וועל דארטען זיצען א גאנצען טאג על כן
ז[illegible] איהר אייך מיט מיר אזוי נוהג זיין א גאנצע וואך ביז שבת, אז
[illegible] וועט קומין פרייטיג צו נאכט אז יעדער וואס דאווינט דא וועט
[illegible] גיין פין ביהמ"ד זאלט איהר מיר עפינען דאס טיריל פון דעם חדר
[illegible] אין איך וועל א היים גיין. ווייל איך בין אהיגער. עס איז אזוי
[illegible] דער שמש האט זיך מיט איהם אזוי נוהג געווען אזוי ווי ער
[illegible]יהם גיבעטען. יעדער טאג פון דער וואך איז דער שניידער
מסכן נאהר צו שטארבען דארך דעם הינגער. ווייל ער האט נאך
[illegible]ל נישט גיפריבט צו פאסטען פין דעסט וועגען האט ער זיך
[illegible]ט א גאנצע וואך אין האט זיך מוסר נפש געווען [illegible]ב ער וועט
[illegible]ל זיין טויט זיין א כפרה אויף אלע זיינע זינד אין השי"ת
[illegible] געהאלפען אז עס איז געקומען די טעג וואס זענען נאהנט
[illegible] איז ער דער קויקט געוואהרען. עס וועט באלד זיין שבת
[illegible]ין אהיים עסען אין טרינקען ווי זיין ווילין. מיט דעם
[illegible] האט ער אב געליטען די יסורים פון דעם תענית. ווי עס

איז

איז געקומען פרייטיג איז ער אזוי ערקוויקט געוואָהרען אז האָט כמעט גישט געפילט אויב ער עסט ווייל ער האָט געוויסט אז ער וועט באלד גיין א היים עסען און טרינקען:

נאָך מעריב איז ידער אהיים גיגאנגען און דער שמש האָט פערשלאָסען די טיהרען פון שוהל און איז זיך א היים גיגאנגען ווייל ער האָט פאר געסען צו עפינען דאָס חדר און ארויס צו לאָזען דעם פער שלאסינים. דער שניידער האָט אלץ געהאָפט דער שמש זאָל איהם עפינען און ער זאל גיין א היים. האָט ער פערשטאנען מסתמא האָט ער פערגעסען איהם צו עפינען, האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען זייער שטארק און איז אנטשלאָפען גיוואָרען פאר גרויס צער, איז תיכף צו איהם גיקומען אלי' הנביא און חלום און האָט איהם גיזאָגט מען האָט גישיקט פון הימעל איך זאָל דיר א בשורה זאָגען אז דיין תשובה איז גיווארען אָנגינימען פאר השי"ת, די זאָלסט שוין מער נישט פאסטען, און דער שמש וועט תיכף קומען און וועט דיר עפענין און די זאָלסט גיין אהיים אין דער שמש איז באלד געקומען און האָט איהם ארויס געלאָזט און איז אהיים געגאנגען:

וויא ער איז אהיים גיקומען איז זיין ווייב שוין לאנג גישלאָפען ווייל ער האָט זיך פערזאָמט עס איז שוין גיוועז נאָך האלבע נאכט האָט ער אָנגיקלאפט בייא דעם פענסטער, און האָט גירופען דאָס ווייב זיא זאָל איהם עפינען די טיהר ער זאָל אריין גיין און שטיב און ווייל זי האָט גאר נישט גיוויסט וואָס עס איז אויף איהם פערבייא גיגאנגען די גאנצע וואָך האָט זי גימיינט אז איהר מאן דער שניידער איז נאָך אזוי ווי פריער האָט זי איהם אָנגעהויבען צו שעלטען צו האָסט דיא נישט וואָס צו עסין ביי דיין פריץ אלערליי טרפות און יעצט ביסטו גיקומען מיך אויפוועקען און מיך מצער זיין איך זאָל דיר עפינן גייא דיר צוריק אויף דיין אָרט דער שניידער אָבער ווייסען מיר דאך אז ער איז פאר קעהרט גיוואָרען צו איין אנדערין מענטש איין אמת'ער בעל תשובה און א צדיק איז ער נישט בייז גיוועזן אויף די קללות וואָס זיא האָט איהם גישאָלטען, אדרבה ער האָט נאך גיקלערט אז זיא איז גירעכט ווייל זיא ווייסט גאָר פון זיינע שלעכטע מעשים האָט ער זיא אנגעהויבען צו בעטען אזוי וויא ער איז גישטאנען בייא דעם פענסטער און ער האָט איהר גיזאָגט עס איז דאך יעצט שבת בעט איך דיך דיא זאָלסט דאָס טוהן לכבוד שבת און עפין מיר דיא טוהר איך וויל אריין גיין

גיין און שטיב אַריין איך זאל מאַכען קידוש און עסין לכבוד שבת, ווי
זי האָט אבער דער הערט ער דערמאַנט איהר עטליכע מאָהל די ווערטער
שבת און ער רעד זייער שטיל נישט וויא ער איז גיוועז גיוואָהנט
פריער האָט זי גיקלערט אפשר איז דאָס נישט איהר מאַן נאָר און
דעם קול דאכט זיך אַז ער איז איהר מאַן האָט זיא מורא גיהאַט איהם
צו עפענין, און ער איז אַלץ גישטאַנען אויף דער גאַס און האָט זיא
גיבעטען זי זאָל איהם עפענען, האט זיא זיך מיישב גיוועזען איך מיז
איהם עפענען נאָר אַז ער וועט וועלען עפיס עסען זאל זי איהם נישט
אַליין צוא טראָגען דאָס עסען נאר זיא זאָל איהם זאגען ער זאָל זיך
אַליין נעמען ברויט מיט דעם גיקעכטץ פון דיא וואָס עס ליגט דאָרט,
אויב ער וועט זיך אַליין נעמין איז אַ סימן אַז ער איז נישט קיין
פרעמדער נאר ער איז איהר מאַן ווייל ער ווייסט צו זיכען און דער
פינסטער און זאָל זיך נעמען, עס איז אַזוי גיווען זי האָט איהם
גיעפינט און ער איז זיך אַריין גיגאַנגען און שטיב אריין, האָט ער
איהר גיזאגט גוט שבת, וויא אַ יוד פירט זיך, וואָס ביז יעצט האט ער
צו איהר אַזוי נישט גירעד און ער האָט זיך גינימען דעם וויין. ווייל
זיא האָט איהם גיזאגט ווי ער שטייט און ער האָט גימאכט קידוש דער
נאָך האט ער זיך גינימען דיא חלה און די מאכלים וואָס זיא האָט
איהם גיזאָגט פון בעט אַרויס וויא זיי שטייען, האָט ער גיגעסען און
אב גיבענטש ווי דער שטייגער איז פון אַ בעל תשובה און האט זיך
גילייגט אויף דער ערד, זיין ווייב איז אַ גאַנצע נאַכט נישט גישלאָפען
ווייל זיא האט גיהאָפט עס זאָל שוין טאג ווערען זי זאָל איהם זעהן,
ווי עס איז לעכטיג גיוואָרען און ער איז גילעגען אויף דער ערד,
האָט זי גיזעהען אַז עס איז איהר מאַן. און ווי ער האָט זיך אויף גיחאַפט
פון זיין שלאָף, איז ער גיגאַנגען זיך טובל זיין לכבוד שבת און איז
צוהיים גיקומען האָט ער זיך גינימען דעם טלית און איז גיגאַנגען
און ביהמ"ד אַריין דאַווינען מיט מנין, נאָך דעם דאַווינען
איז ער אַהיים גיקומען און האָט איהר גיזאָגט גוט שבת דער נאָך
האָט ער גיגעסען די סעודה פון שבת וויא עס דאַרף זיין, האָט איהם
זיין ווייב גיפרעגט אויף דעם בייס וואָס זיא זעהט און איהם האָט ער
איהר גיענטפערט אַז נאָך שבת וועט ער איהר דערציילען אַלעס, און
יעצט איז נישט קיין צייט צו רעדען אַ זאַך וואָס עס איז נישט בייטיג
וועגען שבת דאָס אַלעס איז גיוועזן ביי איהר אַ ווינדער, מוצאי שבת
האָט

האָט עֶר איהר אַ ביסעל דערציילט וואָס עֶס איז אויף איהם פערבייא גיגאַנגען און האָט גערדאַנקט השי"ת, מיר זאלען זוכה זיין צו ווערהען אמת'ע בעל תשובה:

דער צדיק ר' זוסיא פון אניפּאָליא איז אַ מאָהל געקומען אין אַשטאָדט ער איז צו געפאָהרען אין אַנ'אַכסניאָ, די אורחים האָבען געבעטען דעם בעל אַכסניא ער זאל געבען אַ קליין בענקאַלע אונטער צוא שטעלען ביי דעם צדיק ער זאָל קאָנען אויבען אַרויף שטעלען זיינע פיס, אין אַכסניא איז אַזאַ בענקיל ניט גיוועז, האָט דער בעל אַכסניא געבראַכט אַפאַרשלאָסענע קעסטעל וואָס א גאַסט האָט איבער גילאָזט אין אַכסניא ביז ער וועט צוריק קומען פון וועג וואָס ער איז געפאהרען ניט וויים אויף עטליכע טעג ווי דער צדיק האָט געוואָלט אַרויפשטעלען זיינע פיס אויף דעם קעסטיל, האָט ער געפילט ווי אייגער וואָלט איהם געבען אַ ברען מיט אַ הייסען אייזען האָט ער גיגעבען אַ געשרייא אָ וועה: און האָט זיינע פיס אַראָפּגעחאַפּט פון קעסטעל, אַזוי איז גיוועזן דריי מאָהל נים אַנדערש האָט דער צדיק געזאגט אַז אין קעסטעל ליגט אַ ספר תורה:

דער בעל אַכסניאָ האָט באַלד געבראַכט אַ שליסעלע גיעפענט דאָס קעסטעל, האָבען אַלע גיזעהן אַז דער צדיק האָט רעכט: